ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר

## ויחי

אידיש

**812**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק כג-כד

## • ויחי •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

ווי אַזוי דער צדיק חנוך איז דערהויבן געוואָרן אין הימל און איז געוואָרן דער מלאך מט"ט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין אויף יעדער זאַך, סיי די באַדערפענישן פאַרן גוף און סיי פאַר דער נשמה, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אין תפילה. - די געשיכטע מיט ר' אבנר, דער תלמיד פון רמב"ן ז"ל, וואָס די תפילה פון זיין רבין האָט אים געהאָלפן תשובה טוהן און האָבן אַ טיילווייזע כפרה. - די וויכטיגקייט פון דאַוועגען אין שוהל.

די וויכטיגקייט פון טראַכטן דברי תורה ווען מ'גייט אויפ'ן וועג. - זיך דערווייטערן פון וויסטע ערטער וואָס זענען געשטאַנען ליידיג מער ווי זיבן יאָר. - דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב. - די שענדליכקייט פון קמצנות אָדער פזרנות. - דער חיוב פון שטיצן ערליכע אָרימעלייט.

דער **"פרי-מגדים"** ז"ע, שרייבט: "קב הישר", א לעבנס-וויכטיג ספר, וואס היילט די נשמה און גוף. אלע זיינע ווערטער זענען דורכגעטראַט און מוסר. עס העלפט סיי דעם תלמיד חכם און סיי דעם דורכשניטליכן איד און סיי פרויען".

# אינהאַלט
## פון פרקים כג-כד

א. אין דעם פרק ווערט ערקלערט: ווי אַזוי דער צדיק חנוך איז דערהויבן געוואָרן אין הימל און איז געוואָרן דער מלאך וואָס ווערט אָנגערופן מט״ט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין צום אויבערשטן אויף יעדער זאַך גרויסע און קליינע, סיי די באַדערפענישן פאַרן גוף און סיי די באַדערפענישן פאַר דער נשמה, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אין תפילה. - די געשיכטע מיט ר׳ אבנר, דער תלמיד פון רמב״ן ז״ל, וואָס די תפילה פון זיין רבין האָט אים געהאָלפן ער זאָל תשובה טוהן און האָבן אַ טיילווייזע כפּרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען אין שוהל. ז

ב. וואָס טוט דאָ אַ מענטש וואָס ער איז געבוירן פון אַ פרוי, וואָס קומט פון אַ טיפּה סרוחה, אַז ער זאָל זוכה זיין אַרויפצוגיין אין די הויכע הימלען צו באַדינען צווישן אונז ח

ג. דער דאָזיגער מענטש, חנוך, איז בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָט געגלויבט אין מיין גרויסן כבוד ח

ד. מ׳האָט פאַר מיר געעפנט צוויי מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט טויערן פון: חסד, בינה, לעבן, ליבשאַפט, גבורה, תורה, פרנסה און יראת חטא ח

ה. באַשיינט געוואָרן מיט די אַלע גיטע געליבטע מצות, מער פון אַלע מענטשן ט

ו. השי״ת האָט מיך באַשטימט איבער אַלעמען וואָס דער מענטש דאַרף, דאָס איז תורה, יראה, חכמה און פרנסה ט

ז. אַלע תפילות פון אידן גייען אַדורך דעם מלאך מט״ט י

ח. אַז מען בעט ערנסט העלפט דער אויבערשטער, איבערצודרייען די שלעכטע מידות צום גוטן י

**ט.** השיי"ת איז מזכה דעם מענטש וואס איז מתפלל צו איז מיטן גאנצן הארץ, ער זאל בעטן אויך פאר אנדערע ........ י

**י.** אפשר וועט ער געפינען א פאסיגע צייט אז השיי"ת וועט אריינגעבן אין זייער הארץ זיי זאלן תשובה טוהן ........ יא

**יא.** די מעשה פונעם רמב"ן ז"ל מיט זיין תלמיד ר' אבנר ........ יא

**יב.** אבנר האט גענומען א חזיר אים געטויט, אפגעקאכט און געגעסן פאר די אויגן פון רמב"ן ........ יא

**יג.** ער האט זיך מיט אים אזוי לאנג מפלפל געווען ביז דער רמב"ן האט מודה געווען אז ער האט עובר געווען אויף פינף לאוין ........ יב

**יד.** צוליב א הרהור נאך זיין רבי'ן איז דער תלמיד געווארן א כופר ........ יב

**טו.** אלע פאסירונגען זענען מרומז אין פרשת האזינו ........ יב

**טז.** די דריטע אותיות פון דעם פסוק זענען די ראשי תיבות "ר' אבנר" ........ יג

**יז.** אויב ער וועט תשובה טוהן וועט ער האבן א תיקון און א היילונג? ........ יג

**יח.** דער תלמיד זאל כאטש האבן א טיילווייזע כפרה אויף זיינע עבירות ........ יג

**יט.** דער תלמיד איז געקומען צום רמב"ן אין חלום, און האט אים מחזיק טובה געווען ........ יד

**כ.** אזוי ווי דער טייך ברענגט דעם מענטש פון טומאה צו טהרה, אזוי אויך זענען די בתי כנסיות מטהר דעם מענטש ........ יד

**כא.** די פגמים און פלעקן וואס ער האט געמאכט מיט זיינע זינד, ווערן גערייניקט און ווייס ........ יד

**כב.** דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות וועט אננעמען זיין נשמה אין דער צייט ווען ער וועט שטארבן און ער וועט קומען פון פרידן צו פרידן ........ טו

**כג.** די מדה פון צדיק, און דאס גערעכטיקייט וועט פאר זיך שטיין ........ טו

**כד.** דער מענטש וואָס פעדערט אָדער שפעטיגט זיך צו גיין אין גאַס ווען עס זענען נישטאָ קיין מענטשן, זאָל זאָגן די פסוקים ״השלך על ה׳ יהבך״ וגו׳, און ״גול על ה׳ דרכך״ וגו׳........י״ז

**כה.** זאָגן ״תפילת הדרך״ פאַרן גיין אין וועג........י״ח

**כו.** פזרנות איבער די מאָס איז אויך נישט גוט........י״ח

**כז.** דער מענטש זאָל מתפלל זיין תפילת הדרך איידער ער גייט אַרויס אין וועג........י״ט

**כח.** איידער דער מענטש גייט אַרויס אין וועג אַריין מוז ער נעמען ערלויבעניש פון זיין האַר........י״ט

**כט.** ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אין וועג איז נאָך נישט געווען די צייט צו דאַווענען און לייענען קריאת שמע........י״ט

**ל.** דער וואָס האָט עבירות דאַרף זיך פאַרכטן, אָבער מיר דאַרפן זיך נישט פאַרכטן........כ

**לא.** דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב ח״ו........כ״א

**לב.** ביים בויען אַ הויז מוז מען אַרויסזאָגן מיטן מויל אַז מען בויט דאָס הויז פאַר דעם אויבערשטן׳ס וועגן, צו טוהן דאָרט מצוות און מעשים טובים........כב

**לג.** אַ הויז וואָס ווערט געבויט פאַר ליצנות און אַנדערע עבירות, רוהט דאָרט די סטרא אחרא רח״ל........כ״ג

**לד.** דער ענין פון נגעים ווען אידן האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל........כ״ג

**לה.** ביים בויען אַ הויז זאָל מען צוערשט אָנגרייטן אַן אָרט צו לערנען און וואו צו האַלטן די ספרים........כד

**לו.** בכל דרכיך דעהו........כ״ה

**לז.** תפילה צום אויבערשטן אַז מען זאָל האָבן האַרץ פון רחמנות........כ״ה

**לח.** דער עושר וואָס העלפט נישט די אָרעמעלייט, גיט פיס און כוח פאַר דעם נחש הקדמוני........כ״ו

❖ ❖ ❖

# פרק כג

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: ווי אַזוי דער צדיק חנוך איז דערהויבן געוואָרן אין הימל און איז געוואָרן דער מלאך וואָס ווערט אָנגערופן מט"ט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין צום אויבערשטן אויף יעדער זאַך גרויסע און קליינע, סיי זיי באַדערפענישן פאַרן גוף און סיי די באַדערפענישן פאַר דער נשמה, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אין תפילה. - די געשיכטע מיט ר' אבנר, דער תלמיד פון רמב"ן ז"ל, וואָס די תפילה פון זיין רבין האָט אים געהאָלפן ער זאָל תשובה טוהן און האָבן אַ טיילווייזע כפרה.**

**די וויכטיגקייט פון דאַווענען אין שוהל.**

**א. איתא בברייתא,** עס שטייט אין דער ברייתא פון רבי ישמעאל כהן גדול (פרקי היכלות ה, ח), מטטרו"ן דער שר הפנים האָט מיר געזאָגט: ווען דער אויבערשטער האָט מיך געוואָלט אַרויפנעמען אויבן אין די הימלען, האָט ער צו מיר געשיקט דעם שר ענפיא"ל, און ער האָט מיך גענומען פון צווישן דעם גאַנצן דור אנוש, פאַר די אויגן פון אַלע מענטשן, און ער האָט מיך געמאַכט רייטן אויף אַ גרויסן אָדלער, און מיט אַ רייטוואָגן און פערד פון פייער, און מיט די אויבערשטע משרתים האָט ער מיך אַרויפגעפירט ביז צו די שכינה צו באַדינען אויבן אין הימל*.

**וואָס טוט דאָ אַ מענטש וואָס ער איז געבוירן פון אַ פרוי, וואָס קומט פון אַ טיפה סרוחה, אַז ער זאָל זוכה זיין אַרויפצוגיין אין די הויכע הימלען צו באַדינען צווישן אונז**

---

*) דאָס איז חנוך וואָס ווערט דערמאַנט אין חומש אַז ער איז אַרויף אין הימל לעבעדיגערהייט.

**ב. וכיון שהגעתי,** און אַז איך בין שוין געקומען אין היכל אַריין צו דעם אָרט פון די חיות הקודש און די אופנים און כרובים און די גלגלים פון דער מרכבה, און די פייערדיגע מלאכים וואָס זיי פאַרברענען פייער האָבן דערשמעקט מיין ריח פינף טויזנט און דריי הונדערט און זעכציג ריבוא מייל ווייט, האָבן זיי געזאָגט: רבונו של עולם, וואָס טוט דאָ אַ מענטש וואָס ער איז געבוירן פון אַ פרוי, וואָס קומט פון אַ טיפה סרוחה, אַז ער זאָל זוכה זיין אַרויפצוגיין אין די הויכע הימלען צו באַדינען צווישן אונז, די מלאכים וואָס זענען אויסגעהאַקט פון פייער?

## דער דאָזיגער מענטש, חנוך, איז בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָט געגלויבט אין מיין גרויסן כבוד

**ג. והשיב להם,** האָט דער אויבערשטער ברוך הוא זיי געענטפערט, מיינע באַדינערס און מיין מיליטער, מיינע כרובים, מיינע שרפים, מיינע גלגלים, זאָל אייך דאָס נישט פאַרדריסן, ווייל אַלע מענטשן האָבן פאַרלייקנט מיך און מיין גרויסע מלוכה, און זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דאָס גלוסטונג פון האַרץ און האָבן געדינט עבודה זרה און האָבן אָפּגעטוהן מיין שכינה פון צווישן זיי, אָבער, דער דאָזיגער מענטש, חנוך, איז בייגעשטאַנען דעם נסיון און האָט געגלויבט אין מיין גרויסן כבוד.

## מ'האָט פאַר מיר געעפנט צוויי מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט טויערן פון: חסד, בינה, לעבן, ליבשאַפט, גבורה, תורה, פרנסה און יראת חטא

**דער** אויבערשטער ברוך הוא האָט מיך (חנוך) גענומען און דאָט פאַר מיר געעפענט 600 טויזנט טויערן פון חסד, און 300 טויזנט טויערן פון בינה, און 300 טויזנט טויערן פון לעבן און 300 טויזנט טויערן פון ליבשאַפט, 300 טויזנט טויערן פון גבורה, 300 טויזנט

טויערן פון תורה, 300 טויזנט טויערן פון פרנסה, און 300 טויזנט טויערן פון יראת חטא.

## באַשיינט געוואָרן מיט די אַלע גוטע באַליבטע מצות, מער פון אַלע מענטשן

**ד. ומאותה שעה,** און פון יענע צייט אָן און ווייטער האָט דער אויבערשטער פאַר מיר געמערט חכמה אויף חכמה, בינה אויף בינה, און דעת אויף דעת, און דערבאַרימקייט אויף דערבאַרימקייט, און שטאַרקייט אויף שטאַרקייט, און כח אויף כח, און לויטערקייט אויף לויטערקייט און שיינקייט אויף שיינקייט, און תורה אויף תורה, און ליבשאַפט אויף ליבשאַפט, און חסד אויף חסד, און גלוסטיגקייט אויף גלוסטיגקייט, און ענוה אויף ענוה, און שיינקייט אויף אַ שיין געשטאַלט, און לויב אויף ליבשאַפט, און איך בין געהערליכט און באַשיינט געוואָרן מיט די אַלע גוטע און געליבטע מדות מער פון אַלע מענטשן.

## השי"ת האָט מיך באַשטימט איבער אַלעמען וואָס דער מענטש דאַרף, דאָס איז תורה, יראה, חכמה און פרנסה

**ה. ואחר כל,** און נאָך די אַלע מידות האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געלייגט זיין האַנט אויף מיר, און האָט מיך געבענטשט מיט 500 טויזנט און 360 ברכות, און איך בין געוואָרן דערהויבן און געשטאַרקט אַזוי ווי די לענג און ברייט פון דער וועלט, און ער האָט אויף מיר געברענגט 72 פליגל, 36 פון איין זייט און 36 פון דער אַנדערער זייט, און יעדער פליגל איז אַזוי גרויס ווי די גאַנצע וועלט, און ער האָט מיר געגעבן 500 טויזנט און 360 אויגן, און יעדעאויג שיינט ווי אַ גרויסע ליכט, און ער האָט נישט איבערגעלאָזן קיין שום לויטערקייט וואָס איז אין אַלע אויבערשטע ליכט וואָס ער האָט אין מיר נישט קובע געווען, און ער האָט מיר געגעבן פיל פענצטער וואָס זענען מיוחד פאַר חכמה און פרנסה, און האָט מיך

באַשטימט איבער אַלעמען וואָס דער מענטש דאַרף, דאָס איז תורה, יראה, חכמה און פרנסה.

## אַלע תפילות פון אידן גייען אַדורך דעם מלאך מט״ט

**ו. וכל מי,** און יעדער איינער וואָס דאַרף אָנקומען צום אויבערשטן ברוך הוא און בעט עס פון אים, קומט פריער די תפילה צו מט״ט, און דערנאָך ברענגט ער אַריין די תפילה פאַרן אויבערשטן וואָס ער הערט צו די אידישע תפילות מיט גרויס דערבאַרימקייט, געלויבט איז ער און געלויבט איז זיין נאָמען, ווייל אַלץ הענגט אין זיין ווילן.

## אַז מען בעט ערנסט העלפט דער אויבערשטער, איבערצודרייען די שלעכטע מידות צום גוטן

**און** נישט נאָר די באַדערפעניש פונעם גוף אַליין, נאָר אפילו דאָס באַדערפעניש פון דער נשמה. דהיינו, דער וואָס ווייסט ביי זיך אַז ביי אים איז פאַראַן אַ שלעכטע מדה, ער האָט אַ שלעכט הארץ אָדער אַן אַנדערע שלעכטע מדה, וואָס ער איז געוואוינט דערצו, און ער וויינט פאַרבאָרגענערהייט פאַרן אויבערשטן ברוך הוא, וואָס אין זיין האַנט איז צו נייגן די הערצער צו זיין מורא, דעמאָלט׳ס העלפט אים דער אויבערשטער ברוך הוא צו פאַרקערן זיין קרום האַרץ אָדער צו פאַרריכטן זיינע שלעכטע מידות.

## השי״ת איז מזכה דעם מענטש וואָס איז מתפלל צו אים מיטן גאַנצן האַרץ, ער זאָל בעטן אויך פאַר אַנדערע

**ז. ולא עוד,** און נאָך מער, דער אויבערשטער ברוך הוא איז מזכה דעם מענטש וואָס דאַוונט פאַר אים מיטן גאַנצן האַרצן, ער זאָל בעטן אויך פאַר אַנדערע, אויב ער זעט אַנדערע מענטשן, און אַוודאי געוויס זיין קרוב אָדער זיין זוהן גייען נישט אין ריכטיגן וועג, מוז ער פריער מתפלל זיין פאַר זיי אַז זיי זאָלן תשובה טוהן.

## אפשר וועט ער געפינען אַ פּאַסיגע צייט אַז השי"ת וועט אַריינגעבן אין זייער האַרץ זיי זאָלן תשובה טוהן

**דערנאָך** אויב ער זעט ח"ו אַז זיין תפילה האָט נישט געהאָלפן, זאָל ער זיי שטראָפן, אפשר וועט ער געפינען אַ פּאַסיגע צייט אַז דער אויבערשטער ברוך הוא וועט אַריינגעבן אין זייער האַרץ זיי זאָלן תשובה טוהן, וועט ער דאַן אויך האָבן אַ פאַרגעניגן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא האָט צוגעהערט זיין תפילה צוריקצוקערן דאָס האַרץ פון די רשעים זיי זאָלן תשובה טוהן.

## די מעשה פונעם רמב"ן ז"ל מיט זיין תלמיד ר' אבנר

**ח. כדמצינו מעשה,** אַזוי ווי מיר געפינען אַ מעשה, דער רמב"ן ז"ל האָט געהאַט אַ תלמיד וואָס דאָט געלייקנט אין אויבערשטן און זיין נאָמען איז געווען רבי אבנר, און צוליב זיין גרויסע חכמה איז ער געוואָרן אַ אדם חשוב ביי די גויים.

## אַבנר האָט גענומען אַ חזיר אים געטויט, אָפּגעקאָכט און געגעסן פאַר די אויגן פון רמב"ן

**ויהי היום,** איז געקומען דער טאָג, האָט אבנר געשיקט אום יום כיפור צום רמב"ן ער זאָל קומען צו אים, און ער איז געקומען. האָט ער גענומען אַ חזיר און האָט אים געשטאָכן און אָפּגעקאָכט, און געגעסן פאַר די אויגן פון רמב"ן.

## ער האָט זיך מיט אים אַזוי לאַנג מפלפל געווען ביז דער רמב"ן האָט מודה געווען אַז ער האָט עובר געווען אויף פינף לאוין

**דערנאָך** האָט דער שר געפרעגט דעם רמב"ן, רבי, אויף וויפיל כריתות האָב איך היינט עובר געווען? האָט דער רמב"ן זיִם געענטפערט, אויף פיר כריתות. האָט דער תלמיד אים געזאָגט: זיך האָב דאָך עובר געווען אויף פינף לאווין. ער האָט זיך מיט אים אַזוי

לאַנג מפלפל געווען ביז דער רמב״ן האָט מודה געווען אַז ער האָט עובר געווען אויף פינף לאוין, וואָס מען איז אויף יעדן איינ׳נם פון די פינף לאוין חייב כרת, אויב מען איז עובר דערויף.

## צוליב אַ הרהור נאָך זיין רבי׳ן איז דער תלמיד געוואָרן אַ כופר

**ט. וישאל הרמב״ן,** האָט דער רמב״ן אים געפרעגט: זאָג מיר, ווער האָט דיך געברענגט צו דער דאָזיגער מדה אַז דו לייקנסט אין דער תורה? האָט דער תלמיד אים געענטפערט, ווייל איך האָב איינמאָל געהערט ווי דו האָסט גע׳דרש׳ענט אַז אין דער פרשה האזינו זענען אַריינגערעכנט אַלע מצוות און אַלע זאַכן פון דער וועלט, נאָר דערצו דאַרף מען האָבן אַ סייעתא דשמיא צו פאַרשטיין אַלע ענינים און סודות וואָס זענען דאָרט פאַראַן, און מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס איז נישט געמאָלט, ביז צוליב דעם איז אַריינגעזעצט געוואָרן די געדאַנק אין מיין האַרץ אַז דו זאָגסט נישט אמת, דעריבער האָב איך דאָס געטוהן.

## אַלע פאַסירונגען זענען מרומז אין פרשת האזינו

**י. ויען,** האָט דער רמב״ן געענטפערט, איך זאָג נאָך היינט אויך אַזוי. אַלץ איז מרומז אין פרשת האזינו, און אויב דו ווילסט נישט גלויבן, פרעג, וועל איך דיר זאָגן. האָט דער תלמיד זיך פאַרוואונדערט און האָט געזאָגט צום רמב״ן, אויב עס איז אַזוי ווי דיינע רייד, ווייז מיר אויב דו וועסט געפינען מיין נאָמען אין דער פרשה האזינו.

## די דריטע אותיות פון דעם פסוק זענען די ראשי תיבות ״ר׳ אבנר״

**האָט** דער רמב״ן מתפלל געווען מיט זיין גאַנצן האַרצן צום אויבערשטן, אין אַ ווינקעל. איז געקומען אין זיין מויל דער פאָלגענדער פסוק (דברים לב, כו) אָמַרְתִּי אַפְאֵיהֶם אַשְׁבִּיתָה מֵאֱנוֹשׁ

זְכְרָם, וואָס די דריטע אותיות פון דעם פסוק זענען די ראשי תיבות "ר' אבנר".

## אויב ער וועט תשובה טוהן וועט ער האָבן אַ תיקון און אַ היילונג?

**יא. וכשמוע התלמיד,** ווי דער תלמיד האָט דערהערט ז'עם ענטפער, האָט ער זיך זייער דערשראָקן און איז געפאַלן אויף זיין פנים און האָט געפרעגט זיין רבי'ן, ז'עם רמב"ן, אויב ער וועט תשובה טוהן, צו וועט ער האָבן אַ תיקון און אַ היילונג? האָט דער רמב"ן געענטפערט: האָסט דאָך געהערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין תשובה און הילף פאַר דיר.

## דער תלמיד זאָל כאָטש האָבן אַ טיילווייזע כפרה אויף זיינע עבירות

**באַלד** איז יענער תלמיד געגאַנגען און האָט גענומען אַ שיף אָן אַ קאַפּיטאַן און אָן מאַטראָזן, און איז אַוועקגעגאַנגען מיט ז'ער שיף וואו זי וועט אים פירן, און האָט געשריגן מיט אַ ביטערן געשריי. דער רמב"ן האָט דערנאָך אַ סאַך מתפלל געווען אַז דער תלמיד זאָל כאָטש האָבן אַ טיילווייזע כפרה אויף זיינע עבירות.

## דער תלמיד איז געקומען צום רמב"ן אין חלום, און האָט אים מחזיק טובה געווען

**ואחר זמן,** און נאָך אַ לאַנגע צייט איז דער תלמיד געקומען צום רמב"ן אין חלום, און האָט אים מחזיק טובה געווען, אַז זיין תפילה האָט גורם געווען מ'זאָל אים גרינג משפט'ן, און נאָך צוועלף חדשים וועט ער האָבן אַ רפואה אויף זיינע עבירות און מען וועט אים אַריינפירן נישט אין גן עדן און נישט אין גיהנום. ביז דעמאָלטס איז ער געווען אויפן "כף הקלע".

## אַזוי ווי דער טייך ברענגט דעם מענטש פון טומאה צו טהרה, אַזוי אויך זענען די בתי כנסיות מטהר דעם מענטש

**נו זע,** אַז אַלץ הענגט אין תפילה, אַז דער מענטש זאָל האָבן כאָטש אַ שטיקל כפרה, און בפרט אין שוהל וואָס איז אַן אָרט ספּעציעל געאייגנט צו טוהן תפילה, און אין שוהל איז מסוגל צו ריינ'קן די מחשבות פון דעם מענטשן, אַזוי ווי די חז"ל זאָגן (ילקוט פרשת בלק, רמז תשעא) אויף דעם פסוק (במדבר כד, ו) כִּנְחָלִים נִטָּיוּ וגו', פאַרוואָס ווערן די בתי כנסיות צוגעגליכן צו טייכן? איז דער תירוץ, דיר צו זאָגן, אַזוי ווי דער טייך ברענגט דעם מענטש פון טומאה צו טהרה, אַזוי אויך זענען די בתי כנסיות מטהר דעם מענטש.

## די פּגמים און פלעקן וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע זינד, ווערן גערייניקט און ווייס

**יג. על כן,** דעריבער מוז דער מענטש זיך צוגעוואוינען צו דאַווענען אין שוהל און ער זאָל רעדן צום אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער ווייסט די מחשבות פונעם מענטש, און ער זאָל מנ:רן צו וויינען מיט טרערן און זיפצן פון זיין צובראָכן האַרץ, ווען ער ווי:נט זיך דערמאנען זיינע זינד וואָס ער האָט געטוהן אין זיינע יונגע יאָרן, ווייל דאָס האַרץ פון מענטש ווייסט דאָך די ביטערקייט פון זיין זעהל, וואָס ער האָט געזינדיגט אין זיינע יונגע יאָרען, און אַלץ איז פאַרצייכ:ט און אויסגעקריצט כדי עס זאָל געהיט ווערן, און ווען ער טוט אַ גאַנצע תשובה ווערן זיינע זינד אָפּגעמעקט, און די פּגמים און פלעקן וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיינע זינד, ווערן גערייניקט און ווייס. און אַנשטאָט דין און שטראָף וועט פאַר אים זיין אַ הילף און באַשירעמונג, אַזוי ווי ער וועט זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווען ער וועט קומען שטיי' פאַרן כסא הכבוד אָפּצוגעבן דין וחשבון, ווען מען וועט אים רופן צום משפט וואָס דער אויבערשטער וועט פלוצלונג גוזר זיין אויף אים, וועט נישט זיין קיין זכר פון די עבירות.

## דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות וועט אָננעמען זיין נשמה אין דער צייט ווען ער וועט שטאַרבן און ער וועט קומען פון פרידן צו פרידן

**יד. על כן,** דעריבער זאָל דער מענטש מתפלל זיין מיט כוונה, ווייל דער טאָג פון דעם טויט קומט פלוצלונג, אַזוי ווי אַן אָדלער שוועבט ער, און דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות וועט אָננעמען זיין נשמה אין דער צייט ווען ער וועט שטאַרבן און ער וועט קומען פון פרידן צו פרידן.

## די מדה פון צדיק, און דאָס גערעכטיקייט וועט פאַר דיר שטיין

**דעריבער** איז דער כלל אַז די תפילה זאָל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווייל דער גרויסער שר מט"ט איז ממונה איבער די תפילות, און אַז דער מענטש געדענקט ווי מט"ט איז איבערגעקערט געוואָרן פון פלייש צו פייער וועגן זיין צדקות, אַזוי זיי דו אויך גאַנץ מיטן אויבערשטן דיין ג-ט, און די מדה פון צדק, דאָס גערעכטיקייט וועט פאַר דיר שטיין.

❖ ❖ ❖

# פרק כד

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די וויכטיגקייט פון טראַכטן דברי תורה ווען מ'גייט אויפ'ן וועג. - זיך דערווייטערן פון וויסטע ערטער וואָס זענען געשטאַנען ליידיג מער ווי זיבן יאָר. - דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב. - די שענדליכקייט פון קמצנות אָדער פזרנות. - דער חיוב פון שטיצן ערליכע אָרימעלייט.**

**א. כתבו,** די ספרי המקובלים שרייבן, אַז יעדער מענטש זאָל נזהר זיין נישט צו גיין אַליין אָן טראַכטן דברי תורה אָדער ווייד פון יראת שמים, ווייל אַז ער גייט אַליין אָן צו טראַכטן אין תורה, באַהעפט זיך צו אים די סטרא אחרא. און עס ווערט דערקלערט אין זוהר פרשת וישלח (דף קס"ט עמוד ב') אַפילו ווען ער גייט אַליין אין שטאָט אין אַ צייט ווען מענטשן געפינען זיך נישט אויף דער גאַס, און ער טראַכט נישט קיין דברי תורה, באַהעפט זיך אין אים די סטרא אזורא אין דער טאָג וועט נישט אַריבער גיין אָן דעם וואָס ער זאָל געשטרויכלט ווערן מיט אַן עבירה ח"ו.

**דער מענטש וואָס פעדערט אָדער שפעטיגט זיך צו גיין אין גאַס ווען עס זענען נישטאָ קיין מענטשן, זאָל זאָגן די פסוקים "השלך על ה' יהבך" וגו', און "גול על ה' דרכך" וגו'**

**ב. על כן,** וועגן דעם זאָל דער מענטש זיין געוואָרנט זיך צו פירן, אַז ווען ער פעדערט זיך אָדער שפעטיקט זיך צו גיין אין שטאָט אַליין, וואָס דעמאָלס געפינען זיך נישט מענטשן אויף דער גאַס, זאָל ער זאָגן פאַר דער מזוזה דעם פסוק (תהלים נה, כג) "הַשְׁלֵךְ עַל ה' יְהָבְךָ וְהוּא יְכַלְכְּלֶךָ", "וואַרף אַרויף דיין פעקל אויפן אויבערשטן און ער וועט דיך שפייזן", און ער זאָל אין זינען האָבן אַז די נקודות וואָס

שטייען אונטער דעם שם זענען בגימטריא 72, אַזוי פיל ווי די צאָל פון דעם וואָרט "חסד".

## זאָגן "תפילת הדרך" פאַרן גייען אין וועג

**וגם,** איך האָב אויך געפונען שטיין פון אַ גדול אַז דער מענטש וואָס זיך צו גיין אַליין אין וועג אינדרויסן פון דער שטאָט, זאָל זאָגן דעם פסוק (שם לז, ה) "גּוֹל עַל ה' דַּרְכֶּךָ וּבְטַח עָלָיו וְהוּא יַעֲשֶׂה", "וואַלגער אַרויף אויפן אויבערשטן אַלע דיינע געברויכן און זיי זיכער אין אים אַז ער וועט עס טוהן", און ער זאָל אויך אין זינען האָבן אַז די נקודות פון "יהבך" באַטרעפן בגימטריא 72, אַזוי ווי די צאָל פון דעם וואָרט "חסד". און דעמאָלס ווערט ער ניצול אַז די סטרא אחרא זאָל זיך נישט באַהעפטן צו אים. נאָר פונדעסטוועגן מוז ער טראַכטן אין דברי תורה בשעת ער גייט אויפ'ן וועג, וועט ער ניצול ווערן פון יעדן מכשול, אָבער ווען ער גייט אין וועג מוז ער האָבן מער היטונג. דעריבער זאָל ער זאָגן "תפילת הדרך".

## קמצנות אַ מיאוסע מדה

**ג. צריך האדם,** דער מענטש דאַרף אויף זיך מקבל זיין ער זאָל נישט זיין אַ קמצן, כאָטש עס איז דאָך ביי דעם אויבערשטן אין די הענט צו נייגן דאָס האַרץ פון מענטש אַזוי ווי זיין ווילן איז, דער מענטש זאָל זיין אַ וותרן אָדער אַ קמצן, פונדעסטוועגן איז בעסער אַז דער מענטש אַליין זאָל דערוועקן זיך דערצו צו זיין אַ וותרן, ער זאָל נישט דאַרפן מתפלל זיין דערויף.

## פזרנות איבער די מאָס איז אויך נישט גוט

**אויך** זאָל דער מענטש נישט זיין אַ פזרן צו געבן צדקה מער ווי זיין מעגליכקייט, ווייל דער סוף וועט זיין אַז ער וועט אַליין דאַרפן אָנקומען צו מענטשן נאָך הילף.

## דער מענטש זאָל מתפלל זיין תפילת הדרך איידער ער גייט אַרויס אין וועג

**ד. ונחזור,** און לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער ענין, אַז עס איז גוט אַז דער מענטש זאָל מתפלל זיין תפילת הדרך אין זיין היים איידער ער גייט אַרויס אין וועג אַריין, ווי עס שטייט אין זוהר פּרשת בשלח (זע זוהר ויחי, רמ, ב; און בראשית נח, ב), רבי אבא זאָגט, עס איז זייער רעכט פאַר דעם מענטש מתפלל צו זיין תפילת הדרך אין זיין היים איידער ער גייט אין וועג אַריין.

## איידער דער מענטש גייט אַרויס אין וועג אַריין מוז ער נעמען ערלויבעניש פון זיין האַר

**רבי** אליעזר און רבי אבא און רבי יצחק זענען געגאַנגען אין וועג, איז געקומען די צייט פון קריאת שמע, איז רבי אליעזר אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט קריאת שמע און שמונה עשרה. האָט רבי יצחק צו אים געזאָגט, מיר האָבן דאָך געלערנט אַז איידער דער מענטש גייט אַרויס אין וועג אַריין מוז ער נעמען ערלויבעניש פון זיין האַר און פריער דאַווענען?

## ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אין וועג איז נאָך נישט געווען די צייט צו דאַווענען און לייענען קריאת שמע

**האָט** רבי אליעזר צו אים געזאָגט, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אין וועג איז נאָך נישט געווען די צייט צו דאַווענען און לייענען קריאת שמע, אָבער איצט אַז די זון שיינט שוין דאַוון איך. פונדעסטוועגן, איידער איך בין אַרויסגעגאַנגען אין וועג האָב איך געבעטן אַ תפילה פונעם אויבערשטן ברוך הוא און איך האָב זיך בּאַראָטן מיט אים.

## דער וואָס האָט עבירות דאַרף זיך פאָרכטן, אָבער מיר דאַרפן זיך נישט פאָרכטן

**ה. כד אזלו,** ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען, זענען זיי אָנגעקומען צו אַ פעלד און האָבן זיך אַוועקגעזעצט האָבן זיי געזען אַ הויכן באַרג, וואָס אויף אים דרייען זיך אַרום מאָדנע באַשעפענישן. רבי יצחק האָט מורא געהאַט, האָט רבי אבא צו אים געזאָגט, פאַרוואָס פאָרכסטו זיך? האָט רבי יצחק אים געענטפערט, ווייל איך זע אַז דער באַרג איז זייער הויך און אויף אים זענען פאַראַן מאָדענע באַשעפענישן און חיות רעות און איך האָב מורא אַז זיי זאָלן נישט מקטרג זיין אויף אונז. האָט רבי אליעזר אים געזאָגט, דער וואָס האָט עבירות דאַרף זיך פאָרכטן, אָבער מיר דאַרפן זיך נישט פאָרכטן.

**ו. פתח ואמר,** האָט ר"א געזאָגט, עס שטייט אין דער תורה (בראשית לו, כד) וְאֵלֶּה בְנֵי צִבְעוֹן וְאַיָּה וַעֲנָה, און דאָס זענען די קינדער פון צבעון, איינער האָט געהייסן עיה און דער אַנדערער האָט געהייסן ענה, "הוּא עֲנָה אֲשֶׁר מָצָא אֶת הַיֵּמִם בַּמִּדְבָּר, דאָס איז דער ענה וואָס האָט געפונען אין מדבר די ווילדע אייזלען וואָס הייסן ימם. אין פסוק שטייט "יֵמִם" אָן אַ יו"ד צווישן די צוויי ממי"ן, דאָס איז צוליב דעם וואָס עס איז פאַראַן א כיתה משחיתים וואס זענען געאיינציגט צו דער זינד פון עריות, אַז זיי זאָלן זיך באַהעפטן אין דעם מענטשן ער זאָל זינדיגן מיט עריות און זאָל געבוירן ממזרים, און די משחיתים ווערן גערופן "ימים" אָן אַ יו"ד, ווייל זיי זענען באַשאַפן געוואָרן ערב שבת בין השמשות.

**אַזוי** ווי די איבעריגע מזיקים האָבן זיי נישט קיין חלק אין דעם זעקסטן טאָג און נישט אין דעם טאָג פון שבת, און דאָס אָרט פון די משחיתים איז אויף די הויכע בערג, וואָס מען קען דאָרט נישט זייען און נישט פלאַנצן קיין שום פלאַנצונג, נאָר די ערד איז דאָרט וויסט. דאָס איז זייער אָרט, און דאָס זענען די פאַרענדערטע באַשעפענישן וואָס רבי יצחק האָט געזעהן.

**דער** דאָזיגער ענה וואָס שטייט אין דער תורה איז געגאַנגען אויף די וויסטע בערג, האָבן די פאַרענדערטע באַשעפענישן זיך באַהעפטעט אין אים. דעריבער האָבן אונזערע חז״ל געזאָגט אַז דער ענה האָט אַליין געמאַכט געבוירן ממזרים, און האָט צוזאמענגעשטעלט בהמות און חיות איין מין מיט דעם אַנדערן מין, און האָט פיל ממזרים געברענגט אויף דער וועלט.

**נאָך** ברענגט ער דאָרט אין דעם פריער דערמאנטן זוהר, אַז זייער זיצונג איז אין די אַלע וויסטע בערג, אָבער די מענטשן וואָס גייען אין וועג און לערנען תורה, אויף זיי זאָגט דער פסוק (תהלים קכא, ה) ״ה׳ צִלְּךָ עַל יַד יְמִינֶךָ״, דער אויבערשטער איז דיין באַשיצונג ביי דיין רעכטע האַנט. דעריבער זאָל דער מענטש זיך דערווייטערן פון אַלע ערטער וואו עס איז נישט פאַראַן קיין ישוב.

**ז. זאָגט** דער מחבר, איך האָב בקבלה אין נאָמען פון די ערשטע חסידים, אַז אַזאַ הויז וואָס עס שטייט זיבן יאָר נאָכאַנאַנד פוסט, טאָר מען אין דער הויז נישט וואוינען דערנאָך. אויך דאָס פלאַץ וואָס שטייט זיבן יאָר פוסט זאָל מען נישט בויען קיין הויז דערויף, ווייל דאָס אָרט אָדער דאָס הויז איז מסוכן צו וואוינען אין דעם, ווייל די משחיתים זענען דאָרט פאַראַן און זיי קענען חלילה מזיק זיין. און פאַרוואָס איז דאָס חרוב געוואָרן? דאָס איז צוליב איינעם פון די פאָלגענדע דריי טעמים:

## דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב ח״ו

**ח. א׳ שיש,** איין טעם איז, ווייל אין דעם געבוי זענען געווען באַלקענס אָדער שטיינער פון גזל אָדער נישט קיין יושר געלט. דאָס איז גלייך ווי אַ נגע צרעת בליט אין דעם גאַנצן הויז, מוז דאָס הויז חרוב ווערן.

**דער** אַנדערער טעם איז, ווייל דער וואָס האָט געבויט דאָס הויז איז געווען אַן אַלם, און האָט מיט געוואַלד אַוועקגענומען דאָס

פלאַץ פון זיינע שכנים.

**דער** דריטער טעם איז, אַז דעריבער ווערט דאָס הויז חרוב, כאָטש ער האָט נישט געגזל׳ט און האָט עס געבויט מיט יושר׳דיק געלט, און האָט נישט אַוועקגענומען פון קיינעם אַ פלאַץ, נאָר ער האָט דאָס הויז געבויט נאָר פון זיין פרנסה וועגן אָדער פון אַנדערע הנאה׳ת וועגן, און האָט נישט אין זינען געהאַט מיט זיין בויען עפּעס לשם שמים, דהיינו צו טראַכטן אַז דאָס ווינקעלע זאָל זיין אַ מקום קבוע דאָרטן צו לערנען אָדער תפילה טוהן.

**און** אפילו ווען ער האָט שוין יאָ געהאַט אַ מחשבה צו טוהן עפּעס לשם שמים, איז עס נישט גענוג, נאָר ער מוז דאָס אַרויסזאָגן אויך מיטן מויל.

## ביים בויען אַ הויז מוז מען אַרויסזאָגן מיטן מויל אַז מען בויט דאָס הויז פאַר דעם אויבערשטן׳ס וועגן, צו טוהן דאָרט מצוות און מעשים טובים

**ט. כדאיתא בזוהר,** אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת תזריע (דף נ׳ עמוד א׳) דער וואָס בויט אַ בנין, באַלד ווי ער הויבט אָן צו בויען, מוז ער דערמאַנען אַז דאָס ווינקעלע בויט ער פאַר דעם אויבערשטן׳ס וועגן, און אַזוי העלפט אים דער אויבערשטער אַז ער זאָל דעם בנין אויפבויען בשלום, און דער אויבערשטער ברוך הוא גרייט אָן די קדושה אויף אים און רופט אויס אויף אים פרידן, ווייל עס שטייט אין פסוק (איוב ה, כד) "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ", און דו וועסט וויסן אַז דיין געצעלט וועט זיין פרידן, "וּפָקַדְתָּ נָוְךָ וְלֹא תֶחֱטָא", און בשעת דו בויסט זאָלסטו אַרויסרעדן דיין וואוינונג וואָס דו בויסט פאַר דעם אויבערשטן׳ס דינסט, וועסטו נישט זינדיגן. אָבער אַז ער רעדט נישט אַרויס, גרייט ער אָן צו זיין הויז די סטרא אחרא ח״ו.

## אַ הויז וואָס ווערט געבויט פאַר ליצנות און אַנדערע עבירות, רוהט דאָרט די סטרא אחרא רח"ל

**און** אַוודאי געוויס דער וואָס בויט אַ הויז אָדער אַ באַזונדערן צימער כדי מען זאָל דאָרט טרינקען און טרייבן ליצנות און טוהן אַנדערע הארבע עבירות רחמנא ליצלן, רוהט אַוודאי דאָרט די סטרא אחרא אין דעם הויז און דער מענטש גייט נישט אַוועק פון דער וועלט ביז ער ווערט געשטראָפט אין דעם הויז און דער וואָס וואוינט דערין קענען געשעדיגט ווערן ח"ו, ווייל אין דעם הויז רוהט די סטרא אחרא און זי איז מזיק ווערן די געפינט אין דעם הויז.

**און** טאָמער וועסטו פרעגן, פון וואו ווייסט מען אַז די סטרא אחרא רוהט דאָרט? איז דער ענטפער, צום ביישפיל אַז עס איז געשעדיגט געוואָרן אין דעם הויז דער מענטש וואָס האָט עס געבויט, אָדער זיין הויז געזינד מיט אַ שאָדן אין קערפּער אָדער אַ געלט שאָדן, איז עס צוליב דעם גורם פון די פריער דערמאנטע עבירות, און צוליב דעם זאָל דער מענטש פאַרענדערן זיין אָרט און גיין אויף אַן אַנדער אָרט און זאָל נישט וואוינען אין דעם הויז.

## דער ענין פון נגעים ווען אידן האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל

**י. וזהו הענין,** און דאָס איז אויך געווען דער ענין פון די נגעים וואָס פלעגן געפינען ווערן אין די הייזער פון ארץ ישראל, וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט דאָס געטוהן ווייל ער האָט זייער ליב די אידן, ווייל דאָס הויז וואָס איז געווען אָנגעבוייט מיט זנות פריער איידער די אידן זענען געקומען קיין ארץ ישראל, האָט דאָך דערין גערוהט די סטרא אחרא, וואָלט זי דאָך געקענט מזיק זיין דעם איד וואָס האָט דערנאָך געוואוינט אין דעם הויז. דעריבער האָט דערנאָך געבליט דערין אַ נגע צרעת כדי דער בעל הבית זאָל צושטויסן דאָס הויז. זיין האָלץ און זיין אַש האָט ער געוואָרפן אויסער דער

שטאָט און האָט עס געמוזט איבערבויען כדי דער בעל הבית זאָל ניצול ווערן פון אַלערליי שאָדנס.

**דער** זוהר ברענגט דאָרט אַ מעשה, רבי יוסי איז אַמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז, האָט ער געהערט אַ קול זאָגט: זאַמלט אייך איין, ווייל היינט קומט איינער אין דעם הויז אַריין, לאָמיר אים מזיק זיין איידער ער גייט אַרויס. האָט דער אַנדערע אים געענטפערט, מיר וואָלטן אַנדערש נישט געקענט מזיק זיין סיידן ער זאָל דאָ וואוינען, אָבער אַז ער קומט דאָ נאָר אַמאָל אַריין קענען מיר אים נישט מזיק זיין.

**יא. נפק רבי יוסי,** איז רבי יוסי אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויז און האָט געזאָגט, דאָס איז זיכער אַז דער וואָס איז עובר אויף די רייד פון די חכמים איז חייב מיתה, ווייל איך האָב איצט עובר געווען אויף זייערע רייד און איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ הויז וואָס איז שוין פוסט זיבן יאָר, בין איך שיעור געשעדיקט געוואָרן.

**האָט** מען אים געפרעגט, מיר זעען דאָך אַז פיל מענטשן בויען הייזער וואָס שטייען שוין פוסט מער פון זיבן יאָר און זיי ווערן נישט ניזוק? האָט רבי יוסי זיי געענטפערט, די זענען אויך פון דער סטרא אחרא, דעריבער ווערן זיי נישט געשעדיקט, אָבער דער וואָס האָט מורא פאַר אַן עבירה, דער קען געשעדיקט ווערן ח״ו.

## ביים בויען אַ הויז זאָל מען צוערשט אָנגרייטן אַן אָרט צו לערנען און וואו צו האַלטן די ספרים

**יג. על כן,** דעריבער, אין יעדע זאַך וואָס דער מענטש טוט, זאָל ער פעדערן די דינסט פון זיין באַשעפער. אַז ער בויט אַ הויז אָל ער פעדערן אַ באַזונדערן אָרט אַוועקצושטעלן ספרים און אַ באַזונדערן צימער צו לערנען תורה. אַז ער מאַכט קליידער פאַר זיך אָדער פאַר זיין ווייב, זאָל ער אין זינען האָבן אַז ער טוט עס פאַר דעם אויבערשטן׳ס וועגן, ווייל דער אויבערשטער האָט אונז געוויזן אַ רמז אין זיין הייליגע תורה אַז דער מענטש דאַרף זיך באַקליידן, אַזוי ווי עס

שטייט אין דער תורה (בראשית ג, כא) "וַיַּעַשׂ ה' אֱלֹקִים לְאָדָם וּלְאִשְׁתּוֹ כָּתְנוֹת עוֹר וַיַּלְבִּשֵׁם".

## בכל דרכיך דעהו

**יג. הכלל העולה,** דער כלל וואָס קומט אַרויס פון דעם איז, אין אַלע דיינע וועגן זאָלסטו אים וויסן, און געדענק אים אין אַלע דיינע זאַכן, און פאַרגעס נישט אַז אַלץ וואָס דו האָסט, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא דיר געשענקט אומזיסט, ווייל נישט צו די קלוגע מענטשן איז פאַראַן דאָס ברויט. דו זעהסט דאָך בחוש אַז אַ סאַך חכמים זיצן אָן ברויט און אַלע זייערע טעג זענען מיט גרויס ענגשאַפט און צער, און עס זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן וואָס זענען שוטים און נידעריגע פאַרשוינען, אָבער זיי זיצן בשלוה און זענען גרויסע עשירים, דאָס אַלץ איז ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא וויל אַזוי.

**דעריבער** זאָלסטו זעהן אין אַלע דיינע האַנדלונגען און משא ומתן, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל וועלן אים, עס זאָל זיין צוליב דער הילף פון דער נשמה, נישט פון דער הילף פונעם גוף אַליין. אָבער אַז דיין האַרץ איז האַרט ווי אייזן נישט צו טוהן אַ חסד מיט אָרעמעלייט, און דיין גאַנצע מידקייט איז נאָר כדי צו דערפילן דיין בויך, און דו ביזט להוט נאָך גוטע עסנוואַרג און נאָך די הנאות פון דעם גוף, איז דאָס אַ שלעכטע פירונג.

## תפילה צום אויבערשטן אַז מען זאָל האָבן האַרץ פון רחמנות

**יד. ועל זה,** און דערויף זאָל יעדער מענטש מתפלל זיין, אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן אַ האַרץ פון רחמנות, אַזאַ האַרץ וואָס זאָל צוהערן די אביונים, צוהערן דאָס געשריי פון די אָרעמעלייט זיי צו געבן צדקה און זיי צו ראַטעווען פון זייערע רויבערס, אַזאַ האַרץ וואָס זאָל גומל חסד זיין מיט די אָרימעלייט וואָס

לערנען תורה, ווייל דער זוהר וואָרנט אָן אַז דער מענטש מוז העלפן די אידן וואָס לערנען תורה, און זיי זענען פריער פון זיינע קרובים.

**דער עושר וואָס העלפט נישט די אָרעמעלייט, גיט פּיס און כוח פאַר דעם נחש הקדמוני**

**טו. כיון שאדם,** ווייל אַז דער מענטש לענט נישט אונטער די אָרימעלייט וואָס לערנען תורה, דאַן גיט ער ח"ו אַן אונטערלענונג פון פיס און כח צו דעם נחש הקדמוני און צו זיינע חיילים, וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט זיין גרויס רחמנות אַז דער שלאַנג זאָל נישט האָבן קיין פיס נאָר ער זאָל קריכן אויף זיין בויך, ווייל אויב ער וואָלט ח"ו געהאַט פיס וואָלטן די מענטשן ח"ו נישט געקענט האָבן קיין קיום, און צוליב די זינד וואָס די רייכע מענטשן לעהנען נישט אונטער די תורה-לערנערס מיט געלט, ווערט געפונען פיס צום שלאַנג ער זאָל זיך שטאַרקן און דערוועקן גזירות ח"ו.

**דעריבער** מוז דער מענטש מתפלל זיין פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא וואָס אין זיינע הענט איז צו נייגן דעם מענטשן'ס האַרץ ווי עס איז זיין ווילן. זאָל ער מתפלל זיין אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל פאַר אים נייגן זיין האַרץ ער זאָל זיין אַ וותרן אין געלט ווי עס געהער צו זיין, און ער זאָל נישט זיין קיין קמצן, און אויך נישט קיין איבעריגער וותרן מער ווי זיין מעגליכקייט איז, ווייל זיין סוף וועט זיין אַז ער זאָל חלילה דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. דאָס זאָל ער אָבער אויך זעהן אַז ער זאָל נישט זיין צו קאַרג.

**טז. ובא וראה,** קום און זעה וואָס עס שטייט אין זוהר פרשת בשלח (דף ס"ה עמוד א'): רבי אבא זאָגט, עס שטייט אין פסוק (קהלת ה, יב) יֵשׁ רָעָה חוֹלָה רָאִיתִי תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ, עס איז פאַראַן אַ שלעכטע קרענק האָב איך געזען אויף דער וועלט, איז דאָך שווער, וואו איז דען פאַראַן אַ קראַנקהייט וואָס איז נישט שווער? נאָר דער ענין איז, ווייל עס איז פאַראַן אַ כתה משחיתים וואָס אין געוויסע

צייטן גייען זיי אַרויס פון דעם טיפן תהום, און קומען און רוהען אויף דעם מענטשן און באַצווינגען דעם מענטשן אונטער זייער רשות, אַז דער מענטש זאָל נישט האָבן קיין שליטה אויף זיין געלט, און נישט נאָר אַז ער זאָל זיכער נישט קענען געבן צדקה מיט דעם געלט, נאָר אַפילו פאַר זיך אַליין זאָל ער נישט האָבן די מעגלעכקייט צו געוועלטיקן אויף זיין געלט, צו קויפן פאַר זיך עפעס אַ גוטע עסנוואַרג אָדער אַ קלייד צו מאַכן פאַר זיך אָדער פאַר זיין ווייב און קינדער ווי עס פּאַסט פאַר אים לויט זיין רייכטוהם, און זיין געשטאַלט און זיין גאַנג איז ווי אַן אָרימאַן.

**יז. נמצא,** קומט אויס אַז ער ליידט אַלערליי יסורים און ער גייט אַרום אָנגעטוהן אין פאַרלאַטעטע קליידער. ווען ער האָט אַפילו אין זיין הויז אַלדאָס גוטס, האָט ער אָבער דערפון קיין הנאה נישט, און דאָס אַלץ איז אָנגעברייט פאַר אַן אַנדער מענטש וואָס אין הימל האָט מען אויף אים אויסגערופן אַז דאָס גוטס פון דעם קמצן זאָל זיין אָנגעברייט צו דעם און דעם מענטשן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איוב כז, יז) "יָכִין רָשָׁע וְצַדִּיק יִלְבָּשׁ", דער רשע טוט אָנגרייטן און דער צדיק וועט זיך דערין אָנקליידן.

**די כת** משחיתים וואָס זענען פריער דערמאנט געוואָרן, ווערן אָנגערופן "רעה", אַז אויף זיי ווערט געזאָגט אין פסוק (תהלים צא, יז) "לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה", עס וועט זיך נישט טרעפן צו דיר די כתה משחיתים וואָס ווערן אָנגערופן "רעה".

**נו,** דער מענטש וואָס איז אינעם רשות פון די משחיתים וואָס ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען "רעה", איז גלייך ממש צו אַ קראַנקן וואָס פאַר אים שטייט אַלערליי עסנוואַרג און געשמאַקע מאכלים, און ער קען זיי נישט פאַרזוכן צוליב זיין שלאַפקייט. אַזוי אויך איז דער מענטש וואָס איז אונטער דעם רשות פון די שלעכטע משחיתים, און פון אַלע זיינע מעשים קומט אים גאָרנישט אַרויס, נישט אויף דער

וועלט און נישט אויף יענער וועלט, נאָר די תכריכים וואָס מען קליידעט אים אָן נאָך זיין טויט.

**יח. וזה שאמר,** און דאָס איז די כוונה פון דעם פסוק אין קהלת (ו, ב) "אִישׁ אֲשֶׁר יִתֶּן לוֹ הָאֱלֹקִים עוֹשֶׁר וּנְכָסִים וְכָבוֹד", דער מענטש וואָס דער אויבערשטער גיט אים עשירות און פאַרמעגנס און כבוד, "וְלֹא יַשְׁלִיטֶנּוּ אֱלֹקִים עָלָיו", און דער אויבערשטער מאַכט אים נישט געוועלטיגן דערויף, "וְגַם זֶה רָעָה חוֹלָה", דאָס איז צוליב דעם וואָס ער איז אונטער דעם רשות פון די משחיתים וואָס ווערן אָנגערופן רעה, און ער איז גלייך ווי אַ קראַנקער וואָס אַלדאָס גוטס שטייט פאַר אים און ער קען עס נישט עסן.

**דעריבער,** זאָל דער מענטש זעהן צו טוהן דאָס וואָס איז רעכטפאַרטיג אין די אויגן פון דעם אויבערשטן און פון מענטשן, דאָס הייסט ער זאָל נישט זיין קאַרג און אויך נישט צו מילד, און אַ גוטער נאָמען איז בעסער פון גוטן בוימאייל, און אַזוי וועט אים גוט זיין אויף דער וועלט און ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט מיט אַ גוטן נאָמען, און עס וועט אים זיין גוט אויך אויף יענער וועלט, אָמֵן.

❖ ❖ ❖

בעזרת השם יתברך

# הסכמות גדולי דורינו שליט״א

**שלום קרויז**
אב"ד דק"ק אודווארי
כעת הרב בביהמ"ד בית ישעי'
מח"ס שו"ת דברי שלום ד"ח ושאר ספרים עה"ת וסוגיות

**RABBI SOLOMON KRAUSZ**
215 Rutledge Street
Brooklyn, NY 11211
(718) 387-3881

בס"ד, עש"ק זאת חקת התורה תש"ס

מען האט מיר געוויזן דעם הייליגן ספר קב הישר וואס מיין פריינט הרה"ג המפורסם, וועלכער האט ארויסגעגבן פילע טייערע חיבורים לטובת הכלל, צווישן זיי דעם ספה"ק שבט מוסר, וואס האט גאר פיל מצליח געווען ברוחניות צוליב דעם שיינעם דרוק אין די אידישע שפראך, און יעצט האט ער מיט גרויסע כוחות און יגיעות מצליח געווען ארויסצוגעבן דעם הייליגן ספר קב הישר אין די אידישע שפראך, וואס איז זייער נויטיג אין יעדע אידישע שטוב, כדי אויך די פרויען און מיידלעך זאלן געוואוינט זיין צו לערנען אין אים שטענדיג, און דורכדעם וועט מען צוקומען צו געוואלדיגע דרגות אין יראת שמים.

איך האב נישט גענוג לויב ווערטער פאר די גרויסע ארבעט וואס מען האט אריינגעלייגט אין דעם ספר. איך בין בטוח אז דער וואס וועט אריינעמען דעם הייליגן ספר אין זיין הויז, און די בני בית וועלן זיין געוואוינט צו לייענען אין דעם ספר, וועט דאס צוהעלפן בעזהשי"ת אריינצוברענגען א גוטן חינוך אין זיינע קינדער.

השי"ת זאל העלפן אז דער מחבר זאל מצליח זיין אין אלע ענינים, און ער זאל מחנך זיין זיינע קינדער אלס תלמידי חכמים ובעלי מידות טובות.

איך שרייב און חתמ'ע דעם בריוו לכבוד התורה הקדושה

**הק' שלום קרויז אבד"ק אודווארי**

**מחבר ספרי שו"ת דברי שלום ו' חלקים**

**רפאל בלום**
ראב"ד דק"ק קאשוי יע"א
בעדפארד הילס, ניו יארק יע"א

**RABBI RAFAEL BLUM**
100 KASHO DRIVE
BEDFORD HILLS, N.Y. 10507

בס"ד, יום ג' פרשת וירא תשס"א לפ"ק.

הביאו לפני איזה עלים מהעתקת קב הישר בלשון המדוברת ולמותר להאריך בשבח גדולת המחבר כי כבר יצא טבעו בכל העולם כולו בספריו המקודשים המלאים זיו ומפיקים נוגה, וכבר שונו ושותין בצמה דבריו הקדושים כל קהל עדת ישראל זה כמה דורות וכבר נתעוררו אלפי ישראל לחיק אביהם שבשמים בכח דבריו הקדושים החוצבים להבות אש ובתוכם גם גדולי הדור שהעידו על עצמם כן. ומקור הדברים בחז"ל ש"ס ומדרשים וגם בספרי קבלה, ונכתבו בלשון צח המתקבלים היטב בלב כל אחד.

וטובה גדולה וזכות הרבים נפלאה העתקת הדברים בלשון המדובר כדי שיהי' שוה לכל נפש אנשים נשים גדולים וקטנים ועי"ז יהיה יד הכל ממששים בו גדול כקטן וכולם מוצאים בו דברים נעימים ומתוקים, וכבר האריכו הספרים בגודל ללמוד ספרי מוסר בכל יום ובפרט בזמן הזה שהדור פרוץ במלואה בעוה"ר אי אפשר כלל לעמוד נגד גלי הנסיונות בלי הלימוד בספרי הנחיצות המוסר.

ואחזיקנא טיבותא להני עוסקי בקדשי שמים הטורחין טובא להוציא מתחת ידן דבר שלם על טהרת הקודש ומצוה רבה להביא ברכה זו לבית ישראל כדי ולהשרות השכינה בביתם. וגם שהדברים שנכתבו בקדושה וטהרה יתאפשרו לקרב לבות ישראל לאביהן שבשמים.

יה"ר שנזכה כולנו לעבדו שכם אחד מתוך בריות גופא ונהורא מעליא עבגצבב"א.

**רפאל בלום**
ראב"ד דק"ק קאשוי יע"א

**מאיר בראנדסדארפער**
חבר הביד"צ העדה החרדית
רב שכונת בתי אונגארין והסביבה
בעיה"ק ירושלים תובב"א
מח"ס שו"ת קנה בושם
רח' שבטי ישראל 27, טל. 582-9692

**RABBI MEYER BRANDSDORFRE**
Member of Beth Din
of the Eida Hachareidis
Rabbi of Batei Ungarin and vicinity
JERUSALEM
A/27 Shivtei Israel St. Tel. 582-9692

בס"ד, יום ב' לס' כתב זאת זכרון בספר, י"ב לחדש שבט תשנ"ז לפ"ק.

די דאָזיגע הסכמה ווערט געגעבן אין דעם שבח און גרויסקייט פון דעם באַוואוסטן גאון, ירא שמים, וואָס זיין "יראה" איז פריער און מערע־ ווי זיין "חכמה", וכו' ... הרה"ג כש"ת... וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אַ גוטע זאַך, איבערצוטייטשן דעם הייליקן ספר "שבט מוסר" פון לשון-הקודש צו די אידישע שפראַך ווי מען רעדט היינט צו-טאָג.

עס איז איבעריג זיך אַריינצולאָזן אין דער גרויסקייט און וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן חיבור און די גרויסקייט פון זיין מחבר, ווייל עס איז שוין גוט באַוואוסט איבער דער וועלט, און זיין גוטער נאָמען איז צעשפרייט איבער דער וועלט נאָך פון די פריערדיקע דורות.

און דערפון פאַרשטייען מיר, אַז די מצוה וואָס הרה"ג כש"וז... האָט געטאָן ביים איבערטייטשן דעם ספר אויף אידיש, איז געוואַלדיק גרויס, ווייל דורך דעם וועט ער צוברענגען אַז אויך די פשוטע מענטשן, פרויען און קינדער, וועלן לערנען אין דעם וויכטיקן ספר, וואָס איז פול מיט תורה און יראת-שמים.

אָט די גאַנצע אַרבעט האָט ער געטאָן אויף אַ שיינעם אופן, אין אַ גרינגע שפראַך און מיט גרויסע און ליכטיקע ווערטער, אַז יעדער זאָל קענען לערנען און פאַרשטיין אָן זיך אָנשטרענגען, אַזוי אַז יעדער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען אין דעם הייליקן ספר.

און השם יתברך זאָל אים העלפן, ער זאָל ענדיקן דעם ספר אין אַ גוטער שעה, און ער זאָל זוכה זיין "להגדיל תורה ולהאדירה", צו פאַרמערן די לערנערס פון תורה, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה און די ישועה, ביז מיר וועלן הערן דעם קול שופר פון משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

גע'חתמ'עט, אין כבוד פון אונזער הייליקע תורה און אירע לערנער

**מאיר בראנדסדארפער**
חבר הביד"צ העדה החרדית, פה עיה"ק ירושלים

בעזהי"ת

## משה שטערן

אב"ד דעברעצין ונייהייזל יצ"ו
בעהמ"ח שו"ת באר משה י"ח
בלאאמו"ר הרא"ש, בעמ"ח ספרי גפי אש ומליצי אש וש"ס
ברוקלין יע"א

---

אל מע"כ ידידינו הרה"ג המופלא ומופלג בהפלגת חכמים ונבונים זי"ר יפר"ות.

בשמחה שמעתי שמע"כ הד"ת שליט"א עוסק במלאכת הקודש ומתכונן להוציא לא־ר עולם ספרי מוסר בשפה המדוברת-באידיש, בלשון המורגל בינינו, אשר אין ערוך למצוה רבה כזו, ומה גם בדור פרוץ כזה בעוה"ר, יצמח בזה טובה גדולה לנפשות היראים, בפרט לנשים ובתולות. ובוודאי רבים מבני עמינו אנשים ונשים וטף יתעוררו לבל ישטפו בהבלי העולם השוטף וזורם בכל העולם בדור האחרון הזה. ובדרך זו ישמר כל כבודה בת מלך פנימה, וכל הרוחות שבעולם לא יזיזו אותן ממקומן, והיה כעץ שתול על פלגי מים ועל יובל ישלח שרשיו וכו' ולא ימיש מעשות כל פרי, וחכמות נשים בנתה ביתה אשר בנינו כנטיעים בנותינו כזויות מחוטבות תבנית היכל.

ועכשיו נדבה רוחו להעלות הספר הקדוש "**שבט מוסר**" מהרה"ק רבי אליהו הכהן זצ"ל לדפוס במעלות רבות, הן ליפות הלשון, כי העברי-טייטש שדיברו בשעתו מוזר ומשונה מאד מהאידיש המדובר ומורגל בינינו, ודבר זה גרם שהרבה פסקו מלקרות בספה"ק הזה מאז ומקדם, הן לעשות ליתן ריוח ביו דיבור לדיבור, ולעשות כותרות לפני הענינים, וכן להדפיס באותיות מאירות עינים ובהרחבה, בטורח גדול הוצרכו לעבוד על כל תיבה ותיבה בדיוק.

וכמה גדול שכרו להביא סה"ק הזה, שהוא מלא מוסר ויראת ה' לכל בתי ישראל, כמו שהיה מאות בשנים לנר אלקים לנשמות בית יעקב אלו הנשים הצדקניות, וקו"ח כעת בעקבתא דמשיחא, אשר מלאו פני תבל בדברי הבל וקלקול בכל הלשונות, ושיחות, אשר יש להרחיקם מגבול הצניעות והטהרה. וספר הקדוש הזה יפיח בהם רוח של קדושה, אהבת השם ותורתו הקדושה, כמו שהיה בכל הזמנים.

למותר להאריך בשבח הספר והמחבר, די לנו מה שמובא משלשה קדושי עליון גל אחד בדורו: וז"ל **החיד"א בשם הגדולים**: מורנו הרב רבי אליהו הכהן אחד מרבני איזמיר, חובר יותר משלשים חבורים מספר הסמוך לארבעים, **והיה אפוטרופוס גדול לעניים שהיה הולך וקובץ על ידי מהגבירים ומחלק לעניים, ורבים השיב מעון בדרשותיו ותוכחותיו ומתק לשונו.** וכבר בא לו אדם מישראל בביתו יום שבת קדש אחר הדרוש ונשק ידיו ואמר לו ידוע להוי להרב כי הוא היה מוכן לעשות עבירה והיום הזה בשמעי דרוש האדון חזרתי בי ונפקחו עיני... והיתה מנוחתו בשנת תפ"ט, עכ"ל.

וז"ל הגאון רבי **חיים אבולעפיא** זצ"ל: "נהירנא כד הוינו זוטרא הנה נא העיר הזאת... שמה ישבו כסאות אלו ראשי סנהדראות... ומתוכם כעין החשמל דבר אחד לדור רב להושיע, הרב הדומה למלאך, הלא זה אדוני אליהו, **אין בן העולם הזה גברא דחשיב כותיה למחצה לשליש ולרביע,** הן הן גבורותיו הן הן נוראותיו, ידעי רבנן וספרין פתיחו. ונשמע פתגם המלך אף משמיע כל ימיו של אותו צדיק יושב ודורש תחת אשר קנא לאלקיו כאיש מלחמות יעיר קנאה יריע. **ורבים**

**השיב בתוכחות על עון** יום ליום יביע", עכ"ל. **וידוע מה שאמר הגה"ק רבי הלל מקאלאמייא שהספר שבט מוסר עשה אותו ליהודי.**

ובהוצאה זו הוסיפו הוספות נחוצות בסוף הפרק, וסיפורי מעשיות שיהיו שוים לכל נפש אנשים נשים וטף, ועוד דברים טובים ומועילים, הכל בלשון קל ונקי, כדי שכאו"א יוכל להגות בו וילמדנו בינה וישיגו אורחות חיים, ומעט מן האור ידחה הרבה מן החושך. ונחוץ מאוד שהבתי ספר יעשו שיעורים בשבט מוסר, ויקיימו בנפשם מאמר החכם "אולת קשורה בלב נער שבט מוסר ירחיקנה ממנו" (משלי כב, טו).

וגם עשו דבר גדול, להוציא לאור לילדים, קונטרסים בודדים מהפרקים ששייכים ביותר לקטנים למען יקראו בו הנשים והקטנים בזמנים הפנויים, כגון בשבתות וי"ט וכו'. והוא תועלת גדול להכניס אהבת תורה ויר"ש ומדות טובות בלבות בני ישראל, ובפרט בזמנים הללו, שהשוק מלא מכל מיני חוברות שאין בהם ריח תורה ויר"ש אמיתית, נחוץ מאד ספרים כאלו, בפרט בזשב"ר שלבם טהור, ע"י שיבינו תכלית המצוות ושמירתם עוד מילדותם, שיהי' שמור גם על העתיד ילהם.

עד כמה גדול ענין הוצאת ספרי מוסר באידיש לבני ולבנות ישראל הכשרין שיקראו בם ויעמדו באמונתם הטהורה, אנו רואים ממה שהגה"ק רבי הלל מקאלאמייע זצוק"ל רצה בעצמו לתרגם הספר "פלא יועץ" באידיש, ולקח עליו עול גדול ועבודה קשה כזאת, אך בכדי לזכות הרבים וזל"ק בהקדמתו: "וגם לפני רבות בשנים עלתה על דעתי לעשות כן, ובקשתי אז מן ידידי בר אבהן ירא ד' התורני המופלג והחריף הנגיד מו"ה יוסף גינז ז"ל המדפיס בעיר וויען הבירה שקנה מיורשי המחבר פלא יועץ הזכות של הדפסת ספר זה שיתן לי רשות להדפיסו בלשון אשכנו ונתן לי זאת בכתב אבל לא אסתייע מלתא לי לעשות כן, לכן זכות זה שיש לי, אני נותן שלא יהי' עליו שום פוצה פה, וחיוב הוא לכל אחד ואחד להביא ברכה זאת לתוך ביתו לעיין בו בכל יום לכל הפחות חצי שעה ובשבת קודש רוב היום". כ"ה תשרי תרמ"ו קאללאמייא, **הק' הלל ל"ש מוועטש.** ע"כ.

פשוט הוא שסגנון זה שעובד על ידי המו"ל הנ"ל שליט"א, הוא שלו, ואין רשות לשום אדם להדפיס את ה"שבט מוסר" כפי שסודר על ידו, ואולם יען שהשקיע בזה עבודה רבה והון עצום, וכדי שלא יהיו עושי מצוה ניזוקין, וגם שלא לנעול דלת על להבא, ראיתי לחוות דעתי הענ' שאין לשום אחד להדפיס הספר "שבט מוסר" כמתכונת עבודתו, דהיינו בלשון אידיש מתוקן לפי המדובר בדורינו במשך עשרה שנים מיום שיצא לאור הספר הזה (ועיין מה שכתב זקיני בתשובת חת"ס חו"מ סי' מ"א שנכון לגזור כזה).

ע"כ בוודאי דבר גדול עשה בזה, ומצוה יקרה וחשובה, לעמוד לימינו ביד רחבה ורוח נדיבה הן בהחזקה להוצאות הרבות, והן בהפצת הספר בקרב עם סגולה, ושכרם אתם, ולהו"ל עוד ספרים באידיש, אשר ינטעו שורש טוב בכל בית ישראל אשר דרך ישראל סבא חביב ואהוב בעיניהם, וכל מי שמסייע בידם לזכות גדול יחשב, כי הוא בכלל מזכי הרבים שאין קץ למתן שכרם, ואשרי חלקם.

והשי"ת יהי' בעזרו שיזכה להרחיב גבולי הקדושה, ויזכה במהרה לראות בהתרוממות קרן ישראל.

באעה"ח למען המצוה הקדושה כי רבה היא

**משה שניערן**
אב"ד דעברעצין יצ"ו
פה ברוקלין יצ"ו

בעזהי"ת

## משה שטערן

אב"ד דעברעצין ונייהייזל יצ"ו
בעהמ"ח שו"ת באר משה י"ח
בלאאמו"ר הראי"ש, בעמ"ח ספרי גפי אש ומליצי אש ושי"ס
ברוקלין יע"א

---

צו אונזער הויכגעשעצטער פריינד, חכם און נבון, זי"ר יפר"ת מיט פרייד האָב איך געהערט אז אונזער הויכגעשעצטער פריינד, הד"ת שליט"א, גיט זיך אָפּ מיט דער הייליגער אַרבעט, און גרייט זיך אַרויסצוגעבן און באַלייכטן די וועלט מיט ספרי מוסר אין מאַמע-לשון - אידיש, ווי מ'רעדט היינט צו-טאָג, וואָס די מצוה איז זייער הויכגעשעצט, ספּעציעל אין אונזער דור, וועלכער איז זייער פרוץ בעוה"ר, וועט דערפון אַרויסקומען אַ גרויסע טובה צו די יראים, ספּעציעל צו פרויען און מיידלעך. און געוויס וועלן פילע מענער, פרויען און קינדער פון אחינו בני ישראל, זיין געוואָרנט ניט'ט פאַרשלעפּט צו ווערן אין דעם שטראָם פון נאַרישקייט פון דער וועלט וואָס שטראָמט און פאַרפּלייצט די גאַנצע וועלט אין דעם לעצטן דור. און אַזוי וועט געהיטן ווערן דער כבוד פון אידישע טעכטער - כל כבודה בת מלך פנימה, און אַלע ווינטן פון דער וועלט וועלן ניט'ט אומשטאַנד זיין זיי צו רירן פון זייער אָרט, ווי עס שטייט "והיה כעץ שתול על פלגי מים ועל יובל ישלח שרשיו וכו' ולא ימיש מעשות כל פרי וחכמות נשים בנתה ביתה אשר בנינו כנטיעים בנותינו כזוית מחוטבות תבנית היכל".

און איצטער האָט ער זיך אונטערגענומען אַרויסצוברענגען דעם הייליקן ספר "שבט מוסר" פון דעם הייליקן רבי אליהו הכהן זצ"ל אין דרוק מיט אַ סך מעלות, סיי אַ שיינע שפּראַך, וואָרום די עברי-טייטש וואָס מען האָט גערעדט אין יענער צייט איז פולשטענדיק אַנדערש פון דעם אידיש וועלכן מען איז געוואוינט היינט צו-טאָג, און דאָס האָט פאַראורזאַכט אַז מענטשן האָבן אויפגעהערט אַריינצוקוקן אין דעם הייליקן ספר. אויך האָט ער באַשיינט דעם הייליקן ספר מיט אָפּזונדערן אין זאַך פון דער צווייטער, און אַוועקשטעלן קעפּלעך פאַר די ענינים, און די אותיות זיינען שיינע און גרויסער וואָס לייכטן אין די אויגן, און יעדער וואָרט איז אויסגערעכנט, דורכגעקוקט און פאַראָכטן פינקטלעך, און דאָס אַלעס איז אים אָנגעקומען מיט גרויס מיא און אַ סך אַרבעט.

און ווי פיל איז זיין באַלוינונג פאַר אַריינברענגען דעם דאָזיקן הייליקן ספר, וואָס איז פול מיט מוסר און יראת השם, צו יעדער

אידיש הויז, וואָס דער הייליקער ספר איז הונדערטער יאָרן געווען אַ הייליגע ליכט צו די נשמות פון בית יעקב וואָס דאָס מיינט די נשים צדקניות, און כל-שכן איצטער ווען מיר האַלטן ביי די פוסטוייט פון משיח, ווען די וועלט איז אָנגעפילט מיט פוסטע און פאַרדאַרבענע זאַכן אין אַלע שפּראַכן, אומעטום, וואָס דאָס דאַרף דערווייטערט ווערן פון גרעניץ פון באַשיידנקייט און ריינקייט. און דער הייליקער ספר וועט אַריינבלאָזן אַ הייליקן רוח, אַ רוח פון אהבת השם און זיין הייליקע תורה, ווי עס איז געווען אין אַלע צייטן.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אַריינלאָזן צו באַוואונדערן דעם ספר און זיין מחבר. מיר וועלן נאָר ברענגען די ווערטער פון דריי הייליקע צדיקים, יעדערער אין זיין דור:

1) דער חיד"א אין ספר "שם הגדולים":

"מורנו הרב רבי אליהו הכהן אחד מרבני איזמיר, חבר יותר משלשים חבורים מספר הסמוך לארבעים, והיה אפוטרופוס גדול לעניים שהיה הולך וקובץ על ידי והגבירים ומחלק לעניים, ורבים השיב מעון בדרשותיו ותוכחותיו ומתק לשונו. וכבר בא לו אדם מישראל בביתו יום שבת קדש אחר הדרוש ונשק ידיו ואמר לו ידוע להוי להרב כי הוא היה מוכן לעשות עברה והיום הזה בשמעי דרוש האדון חזרתי בי ונפקחו עיני... והיתה מנוחתו בשנת תפ"ט".

"מורנו הרב רבי אליהו הכהן איינער פון די רבנים פון דער שטאָט איזמיר, האָט מחבר געווען מער ווי דרייסיק ספרים כמעט פערציק, און ער האָט זיך פאַרנומען מיט די אָרעמע לייט דורך אַרומגייען און צוזאַמענקלייבן פון די נגידים און פאַרטיילן צו די אָרעמע, און פיל מענטשן האָט ער אָפּגעהאַלטן פון זינד דורך זיינע ריידעס און די תוכחה מיט זיסע ווערטער. און איינמאָל נאָכן ריידן שבת איז איינער געקומען צו אים אין דער היים און אים געקושט די הענט זאָגנדיק אַז ער האָט זיך געגרייט צו טאָן אַן עבירה, און היינט הערענדיג די דרשה האָט באַשלאָסן זיך פולשטענדיק אָפּהאַלטן דערפון. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תפ"ט". דאָס זענען די ווערטער פון חיד"א.

2) דער גאון רבי חיים אבולעפיא זצ"ל:

"נהירנא כד הוינו זוטרא הנה נא העיר הזאת... שמה ישבו כסאות אלו ראשי סנהדראות... ומתוכם כעין החשמל דבר אחד לדור רב להושיע, הרב הדומה למלאך, הלא זה אדוני אליהו, אין בן העולם הזה גברא דחשיב כותיה למחצה לשליש ולרביע, הן הן גבורותיו הן הן נוראותיו, ידעי רבנן וספרין פתיחו. ונשמע פתגם המלך אף משמיע כל ימיו של אותו צדיק יושב ודורש תחת אשר קנא לאלקיו כאיש מלחמות יעיר קנאה יריע. ורבים השיב בתוכחות על עון יום ליום יביע".

"איך געדענק אין מיין יוגנט, אין דער שטאָט... זענען געוועסן די ראשי סנהדראות... און צווישן זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ שטראַל פון ליכט, דער רב וואָס איז געגליכן צו אַ מלאך, דאָס איז מיין האַר הרב אליהו. אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין מענטש ווי ער, אַפילו נישט האַלב אָדער אַ פערטל אָדער אַפילו אַ דריטל... און פיל

מענטשן האָט ער אָפּגעהאַלטן פון זינד...". דאָס זענען די ווערטער פון דעם גאון רבי חיים אבולעפיא זצ"ל

3) עס איז באַוואוסט וואָס דער הייליקער גאון און צדיק ר' הלל פון קאלאמייא האָט געזאָגט, אַז דער ספר "שבט מוסר" האָט איהם געמאַכט פאַר אַ איד.

אין אָט דער אויסגאַבע איז צוגעגעבן געוואָרן וויכטיגע צוגאָבן ביים ענדע פון יעדן פרק. אויך וואונדערלעכע ערציילונגען, צוגענגליך פאַר יעדן, מענער, פרויען און קינדער - אַלץ אין אַ פיינע און גרינגע שפּראַך, פאַר יעדערן צו לייענען, מען זאָל אָפּלערנען דערפון זייער ריכטיגע וועג ווי מען זאָל זיך פירן, און עס איז באַוואוסט אַז אַ ביסל ליכט פאַרטרייבט אַ סך פינסטערניש. און עס איז זייער וויכטיג אַז די מוסדות חינוך זאָלן איינפירן שיעורים אין דעם ספר "שבט מוסר", און אַזוי וועלן זיי מקיים זיין דעם אָנזאָג פון דעם חכם "אולת קשורה בלב הנער שבט מוסר ירחיקנה ממנו" (משלי כב, טו).

אויך האָבן זיי געטאָן אַ גרויסע זאַך, אָפּצודרוקן פאַר קינדער, באַזונדערע פרקים וואָס רעדן צו קינדער, אַז פרויען און קינדער זאָלן לייענען אין זיי אין די פרייע צייט, ווי שבת און יום טוב א.ד.ג., און דאָס איז אַ גרויסער אויפטו, אַריינצוברענגען ליבשאַפט צו תורה און יראת שמים אין די הערצער פון אידן. ספּעציעל אין היינטיגע צייטן ווען די גאַס איז פול מיט שריפטן וואָס פאַרמאָגן נישט קיין ריח פון תורה און אמת'ע יראת-שמים, איז עס זייער וויכטיק. און די קינדער, וואָס זייער האַרץ איז טהור, דורך דעם וואָס זיי וועלן פאַרשטיין דעם תכלית פון די מצוות פון קינדוויַיז אָן, וועט עס האָבן אַ ווירקונג אויף די קומענדיגע יאָרן.

אויף די וויכטיקייט אַרויסצוגעבן ספרי מוסר אויף אידיש פאַר אידישע כשר'ע קינדער אַז זיי זאָלן אין דעם לייענען און זיך שטאַרקן אין זייער אמונה - קענען מיר זיך איבערצייגן פון דעם פאַקט וואָס דער הייליגער רבי הלל פון קאלאמייא זצוק"ל האָט אַליין געוואָלט איבערטייטשן דעם ספר "פלא יועץ" אויף אידיש. ער האָט זיך אונטערגענומען די שווערע אַרבעט נאָר אויף צו מזכה זיין די מאַסן.

ער שרייבט אין זיין הקדמה:

"וגם לפני רבות בשנים עלתה על דעתי לעשות כן, ובקשתי אז מן ידידי בר אבהן ירא ד' התורני המופלג והחריף הנגיד מו"ה יוסף גינז ז"ל המדפיס בעיר וויען הבירה שקנה מיורשי המחבר פלא יועץ הזכות של הדפסת ספר זה שיתן לי רשות להדפיסו בלשון אשכנז ונתן לי זאת בכתב אבל לא אסתייע מלתא לי לעשות כן, לכן זכות זה שיש לי, אני נותן שלא יהי' עליו שום פוצה פה, וחיוב הוא לכל אחד ואחד להביא ברכה זאת לתוך ביתו לעיין בו בכל יום לכל הפחות חצי שעה ובשבת קודש רוב היום". כ"ה תשרי תרמ"ו קאללאמייא, הק' הלל ל"ש מוועטש.

"און אויך, פאַר פילע יאָרן איז מיר איינגעפאַלן אַזוי צו טאָן, און איך האָב געבעטן ביי מיין פריינד דער גרויסער תלמיד חכם און

ירא ה' מו"ה יוסף גינז ז"ל, דער דרוקער פון וויען, וועלכער האָט אָפּגעקויפט פון די יורשים פון דעם מחבר די ערלויבעניש צו דרוקן דעם ספר "פלא יועץ", ער זאָל מיר ערלויבן צו דרוקן דעם כּפר אין אידיש און ער האָט עס מיר געגעבן אין שריפט, אָבער עס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. און דעריבער, גיב איך אָפּ יעדן זכות וואָס איך האָב, אַז יעדערער זאָל זיין ערלויבט דאָס צו דרוקן, און יעדערער זאָל אַריינברענגען די ברכה אין הויז אַריינצוקוקן אין אים יע"ן טאָג וויניקסטנס אַ האַלבע שעה, און שבת קודש מערסטע פון טאָג". כ"ה תשרי תרמ"ו קאללאמייא, הק' הלל ל"ש מוועטש. דאס זענען די ווערטער פון רבי הלל פון קאלאמייא.

עס איז אַ זיכערע זאַך אַז דער ספר ווי ער איז געשריבן - באַלאַנגט צום אויבנדערמאָנטן און עס איז פאַרבאָטן דאָס איבערצודרוקן. און וויבאַלד ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט און אַ געוואַלדיגע גרויסע סומע געלט, איז כדי אויסצומיידן פון אים אַ פאַרלוסט, און אים נישט אָפּהאַלטן פון ווייטער טאָן - לאָז איך וויסן מיין מיינונג, אַז קיינער טאָר נישט דרוקן דעם ספר "שבט מוס"" אויף אידיש ווי עס ווערט געדעדט היינט צו טאָג, צען יאָר פון דעם טאָג ווען דער ספר וועט אַרויס פון דרוק (זע וואָס מיין זיידע, דער חתם סופר, האָט געשריבן אין אַ תשובה, חושן-משפט סימן מ"א וועגן דער באַוואָרעניש).

און צוליב די גרויס חשיבות פון דעם ספר, איז ווערט, און עס איז אַ גרויסע מצוה, אים צו שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט און אַ אָפענער האַרץ, סיי אַליין קויפן דעם ספר און אויך העלפן צוטפרייטן דעם ספר צווישן די אידן עס סגולה, און סיי אים העלפן אַרויסצוגעבן נאָך ספרים אין אידיש, וואָס וועלן ברענגען גוטע רעזולטאַטן אין יעדער אידישע הויז וואָס די אַלטע אויסגעטראָטענע וועג פון זונזערע עלטערן זענען באַליבט און פאַרהייליקט ביי זיי, און יעדערער וועלכער העלפט אַרויס אין דעם איז עס גערעכנט פאַר אַ גרויסן זכות, און ער איז "בכלל מזכי הרבים" וואָס זייער באַלוינונג איז אומבאַגרעניצט, און וואויל איז זיי.

און השם יתברך זאָל אים קומען צו הילף אויף פאַרברייטערן די גרענעצן פון הייליקייט, און מען זאָל זוכה זיין אין גיכן צו זען אין דער געהויבנקייט און דעם כבוד פון אידן.

באעה"ח פאַר די הייליגע מצוה וואָס איז זייער גרויס.

**משה שטערן**
אב"ד דעברעצין יצ"ו
פה ברוקלין יצ"ו

בעזרת השם יתברך

# הסכמות

# הגאונים

# הצדיקים

# הקדושים

# אשר בארץ המה

## למהדורות הקודמות

# הסכמות גאוני מצוקי ארץ
# למהדורות הקודמות

הסכמת וגזירת חרב מהרב הגאון הגדול המפורסם

**מהור"ר נפתלי הכהן אב"ד ור"מ דק"ק ורנקבורט דמיין**

באשר שהאלוף המרומם התורני כבוד שמו מוהר"ר צבי הירש בן הרב הגאון המפורסם מוהר"ר אהרן שמואל ז"ל קאידנוור טרח ואסף וליקט ספר הנחמד הנקרא קב הישר והביאו לבית הדפוס, ובקש מאתי לגזור אומר ויקם שלא ישיג איש אוזר את גבולו כעני המהפך בחררה וכו' בכן נתתי לו רשות והרמנא להדפים הספר הנ"ל, בכן גוזרני בגזירות נח"ש ששום אדם מישראל אינו רשאי להדפים ספר הנ"ל כדמותו וכצלמו הן על ידי עצמו והן ע"י אחרים בדפוס ישראל או אומות העולם כל ימי העולם בלתי רשות המחבר הנ"ל, ולהשומע יונעם ותבא עליו ברכת טוב.

**נפתלי הכהן***

החונה פה ק"ק ורנקבורט דמיין יע"א ואגפיה

יום א ג' אלול תס"ה לפ"ק

*) הוא הגאון הגדול רבי נפתלי כ"ץ בעל "סמיכת חכמים" זצוק"ל.

הסכמת הרב המאור הגדול

## מהור"ר שמואל כ"ץ אב"ד דמדינת דרמשטאט

ורובץ תחת משאו בבית המדרש הגדול דקלויז בק"ק ורנקבורט דמיין יע"א

הנה ראינו אלהים עולם לפנינו ה"ה הגאון מופת הדור אב"ד ור"מ דקהילתינו יצ"ו אשר נתן רשות והסכמה להאלוף הרבני מוהר"ר צבי הירש בן הגאון המפורסם מוהר"ר אהרן שמואל זצלה"ה קאידנוור להביא לבית הדפוס ספר הנקרא קב הישר מעט הכמות ורב האיכות כי אלהים עשה שיראו מלפניו וזה כלה אדם. מצורף לזה גזר ואמר בגזירת עירין פתגמין בחום ונח"ש דלית ליה אסותא שלא להשיג גבול אשר גבל המחבר. בכן מי יראה יציאות הצדיק הגואן הלזה ולא יצא אחריו, בכן אני מסכים לדברי הרב הגאון הנ"ל ומובטח אני שבל ירים איש את ידו למעול מעל, בדבר אשר לא (מעל) [עמל], ואשר יזלזל באזהרה, כבר מילתיה אמורה, שעובר על חרם של הגאון הנ"ל, ומאן דחייש לאזהרותינו יחולו ברכות על ראשו כברכת נפשינו.

**דברי הקטן שמואל כהן שאטין**

היושב באהל בית המדרש בק"ק ורנקבורט דמיין

ורובץ תחת משאו דיושבי מדינת דרמשטאט

חותם יום שנאמר בו פעמיים כי טוב, ה' אלול שנת תס"ה לפ"ק.

## הסכמת הגאון הגדול החכם **כמוהר"ר שלמה אאיליין**
## אב"ד ור"מ דק"ק ספרדים באמשטרדאם יע"א

בואו ונחזיק טובה להרב המופלא המנוח כמוהר"ר צבי הירש בן הגאון המפורסם מוה"ר שמואל קאידנוור אשר פעל ועשה וחיבר ספר קב הישר מנופה בי"ג נפה, דבר השוה לכל נפש היפה, בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו באמת ובתמים, בדברים ישרים ונעימים, ורבים מעמי הארץ מתייעדי"ם ידיעה גמורה, בשפה ברורה, לשמור ולעשות ככל הכתוב בתורה, ולהיות שאין זכרון לראשונים אשר נדפסו כי לא נמצא רק אחד בעיר ושנים במשפחה, ואין רוח הבריות מהם נוחה, נדב לבו של האלוף הנעלה כהר"ר שלמה כ"ץ פרופס המתעסק בקדשי שמים לדהדפים פעם שנית מבורר ומלובן ומזוקק שבעתיים, בכן אמרתי נגזרתי לגזור גזירה לגזירה שלא ירים איש את ידו להשיג גבולו תוך עשרה שנים מיום גמר המלאכה, והשומע לדברי תבא עליו ברכת טוב.

כה דברי החותם פה אמשטרדם
יום הששי כ' לחדש כסלו שנת כי אתן אתכם לשם ולתהלה לפ"ק.
העומק על התורה ועל העבודה תור אמונ' עם סגולה ק"ק ספרדים הי' עליון
חים לטיר שלמה בכמוהר"ר יעקב אאיליין זלה"ה

## הסכמת הגאון הגדול המפורסם **כמהור"ר אברהם נר"ו**
## אב"ד ור"מ דק"ק אשכנזים באמשטרדם יע"א

ראיתי גודל תועלת לאנשים ונשים אוצר מלא יראה מעורר לבבות לעבודת הנורא יתברך, בחיבור אשר איזן ותיקן האלוף המנוח כבוד מוהר"ר צבי הירש בהגאון המפורסם כבוד מוהר"ר שמואל קאידנוור זצלל"ה בספר קב הישר הנדפס בשנת ס"ה, ולא נמצא מהם כי אם אחד בעיר מעוטי דמעוטי כמעט אשר נשכח שמו, והוא יגע וחקר ופעל, יניחא לאותו צדיק בקברו שדבריו לזכות הרבים יתפשט ויתעלה בקרב הארץ, להיות זכרונו לעולם נמרץ. נדרשתי מהאלוף הר"ר שלמה כהן פרופס להדפיס ספר קב הישר הזה בדפוס נאה ומשובח בתכלית היופי בתרייתא עדיפי מקמייתא, בכן ראוי להיות שכר טוב בעמלו כי הוא מן המזכה רבים יחשב, וקל וחומר שלא יבוזו זרים יגיעו ויפסיד כהנ"א. הנני מסכים להדפיס הספר, וגוזרני עד מקום שיד גזירתי מגעת שלא ידפיס אדם שנית ספר קב הישר עד כלות עשרה שנים מגמר הדפוס בלתי רצון הש"ך הנ"ל, והשומע לדברי, אל הטוב יגמור בעדו לטוב כל הימים, ויכלה שנותיו בטוב ובנעימים.

אני המדבר להגדיל התורה ולהאדירה ח כסליו תפ"א לפ"ק.
הקטן אברהם בה"ה המנוח כמוהר"ר יודא זלה"ה
חונה פה ק"ק אמשטרדם קהל אשכנזים יע"א

הסכמת הגאון הגדול המפורסם החס"ד

# כמהור"ר יחיאל מיכל נר"ו

אב"ד ור"מ דק"ק ברלין וק"ק פרנקפורט דאדר והמדינות יצ"ו

ספר קב הישר הנדפס זה שנים רבות והוא מוסר להנהיג ולישר למען ילך האדם בדרך טובים ובדרך תמים, לאהבה וליראה את ה' כל הימים, דרך הישר מסילה לאלהינו ולא יפנה דרך כרמים, בודק בנר היפה לבדיקה וחדרי בטן חופש, והוא שוה לכל נפש, מודד בקו"ב וקביים, לגדול וקטן ואיש הביניים, מדבר בלשון הקודש, ושלח את ביאורו משלח הרגל בלשון הרגיל ודש, והנה הנעלה ה"ה כהר"ר ישראל יצ"ו מיעסניץ המדפיס ספרים רבים ונכבדים לזכות הרבים ביקש מאתי להסכים בהדפסתו ספר הזה ובמלאכתו אשר הוא עושה, ולבאר בלי ירים איש את ידו להדפיסו שנית תוך משך עשרה שנים מיום כלות הדפוס, וכן דעתי מסכמת בגזרת נח"ש כאשר שאל, ירבו כמותו מדפיסי ספרים בישראל.

כה דברי היום מוצאי שבת קודש בער"ח שבט לסדר ולפרט והיה לאות וגו' ולטוטפת בין עיניך לפ"ק

**נאם יחיאל מיכל בלא"א מ"ו ה"ה כמהור"ר יהודה ליב זצללה"ה**

חונה פה ק"ק ברלין ועל צבא ק"ק פרנקפורט דאדר והמדינות יצ"ו

# הסכמת הרב המאור הגדול
# כמוהר"ר יצחק נר"ו
## אב"ד ור"מ דק"ק דעסויא יצ"ו

ישר אשיב לאיש כפעלו פועל צדק מלאה ארץ דעה ובינה, זכה וזיכה הרבים בהדפסת מהר"מ אלשיך על נביאים אחרונים וכתובים ושאר ספרים כהנה וכהנה ה"ה בעל המדפיס האלוף כהר"ר ישראל בר אברהם מק"ק יעסניץ עושה מלאכת השמים באמונה, עתה העיר ה' את רוחו להביא שנית אל בית הדפוס ספר קב הישר שחיבר התורני הרבני כה"ר צבי הירש בן הגאון המפורסם כמהור"ר אהרן שמואל קאיידנוור זצ"ל, בהיות שאף אחד בעיר ושנים במשפחה לא תמצאנה, אמרתי לו ינוחו ברכות על ראשך אתה איש תמים, נמצאת שלם בכל פעמים, זה שנים וימים, אף עתה כוונתך רצויה לאביך שבשמים, הוא יתן לך חיים, אך בראותי הסכמת הגאון הגדול כמוהר"ר נפתלי כ"ץ זצ"ל אב"ד ור"מ דק"ק פרנקפורט דמיין, ואחריו מ"ו החכם השלם הגאון הגדול כמהור"ר שמואל כ"ץ זאמין זצ"ל אב"ד ור"מ בבית המדרש דק"ק פרנקפורט דמיין שניהם בסגנון אחד עולים, בגזירה שלא יודפס ספר קב הישר כל ימי עולם, דעתם הרחבה מיני ים ולבם הפתוח כהיכל ואולם, מאתי נעלם, הייתי משתומם כשעה חדא על מה עשולנו ככה הגאונים הנזכרים להיות חותם תורה בלימודיתעודה צרורים, מאירים עיני עברים, זקנים ונעים, נשים ובתולות ובחורים, על לוח לבם קושרים, ועתה יהיו מונחים ח"ו בגנזי נסתרים, לדור דורים, בלתי ספק שהיה כוונת הגאונים לגזור בנדויים וארורים, כדי שימכר המחבר הספרים, וכהיום מיום שנדפסו הראשונים, הוא שנת עשרים, כבר הלכו ונתקבלו דיד הכל משתמשים בהם ולא היו נשארים, ואל יאמר האומר דכוונת הגאונים היה אף אחד זה לא יבא אוזר להדפיס ספר קב הישר שנית, אם לא שיתרצה להמחבר בריצוי כסף, הם כילא להזכיר כי אין זה ק"ו הישר, בעל המחבר גופא לא ניחא ליה דאיתהני בהאי עלמא כמו שכתב בהקדמה לחלק שני ז"ל: וחברתי זה הספר לא להתפאר וכו' וקורדום להתגדל בו וכו' עכ"ל. מצורף לזה ראיתי הגואן הגדול ה"ה כמהור"ר יחיאל מיכל נר"ו אב"ד ק"ק ברלין ונתן רשות להדפיס ספר קבר הישר הנ"ל, בכן גם אנכי נתתי את ידי עם הר"ר ישראל הנ"ל, עמו במלאכתו להביא ספר קב הישר אל הדפוס. גם מסכים אנ לאותן אזהרות וחרמות אשר נאורים מפי הגאון הנ"ל על משך עשר שנים. מאן דישמע לדברינו יחולו עליו כל הברכות אמן.

כה דברי היום יום כ"ו שבט לסדר ולפרטלא תגע בו יד לפ"ק

**נאום יוסף יצחק במהור"ר גרשון זצ"ל**

**חונה פה ק"ק דעסויא ואגפיה**

## הסכמת הרב הגאון הגדול מוהר"ר יוסף אב"ד דק"ק פרנקפורט דאדר יע"א

הנה הנעלה כהר"ר איצק מדפים מפה ק"ק פרנקפורט דאדר יע"א עוסק במלאכת שמים בהדפסת ספרי קודש, וכעת העיר ה' את רוחו להדפים ספר הנחמד קב הישר כמו שנדפס בק"ק פרנקפורט דמיין שנת תס"ט אשר חיבר חבר מוהר"ר צבי הירש בן רבינו הגדול הגאון מהרש"ק ז"ל בעל "ברכת הזבח", וספר הלז אין בנמצא כי אם אחד בעיר כו' ומי שיש לו גונז אותו בחדרי משכיתו ואין חכמים מודים למי שגונז ספר רפואת הנפש, מרפא לנשומה וגוף, שכל דבריו נאמרים בהשכל ומוסר, בכן אמרתי לפעלא טבא יישר כחו להדפים כצלמו וכתבניתו שבפרנקפורט דמיין, פנים בלשון הקודש ולמטה בלשון אשכנז לקיים באר היטב, ישמחו הקונים בו, שוה לכל נפש לתלמידי חכמים וע"ה ונשים, כולם ישבעו לטוב.

והנני גוזר בנידוי ושמתא למי שישיג גבולו מיום כלות הדפוס עד משך ששה שנים, ואמנם בתנאי שיתחיל להדפים בראש חודש ניסן הבא עלינו לטובה קמ"ו ויגמר הדפסתו תוך שנתו מיום ההתחלה. ולהשומעים יונעם ותבוא עליהם ברכת טוב.

יום א טו"ב טבת, אתה תקו"ם תרחם ציון לפ"ק

נאום הצעיר יוסף* חונה פה ק"ק פרנקפורט דאדר יע"א

בעל המחבר ספר פורת יוסף וגו'

*) הוא הגאון הגדול רבי יוסף תאומים בעל "פרי-מגדים" זצוק"ל

בעזרת השם יתברך

## נייער ספר

# קב הישר
# השלם

## אין אידיש

בס"ד

# ערשינען נייע אויסגאַבע פון ספר "קב הישר השלם" אין אידיש

די וועלט פון ספרים איז אין די איצטיגע טעג באשיינט געווארן מיט דער דערשיינונג אין דרוק פון דעם הייליגן ספר "קב הישר", וואס איז ארויסגעגעבן געווארן אין א הערליכער נייע אויסגאבע, אין אידישע איבערזעצונג.

דאכט זיך, אז מ'דארף נישט פאָרשטעלן דעם ספר "קב הישר", ווער דער מחבר איז און וואס דאס הייליגע ספר שטעלט מיט זיך פאָר. אָבער דאָך איז כדאי צו פאַרצייכענען אין קורצע שטריכן דעם באַדייט פון דעם ספר פאַר יעדן איד הירד וחרד לדבר ה'.

דער מחבר פון ספר "קב הישר" איז הגה"ק רבי צבי הי"ש קאיידנאווער זצוק"ל, וועלכער איז געוועזן דער רב פון דער דער שטאט פראנקפורט דמיין, מיט פיר הונדערט יאָר צוריק.

## וועגן די גרויסקייט פונעם מחבר

איז כדאי אַראָפּצוברענגען עטליכע אויסצוגן פון גאוני וצדיקי ישראל וועגן דעם הייליגן ספר קב הישר

דער הייליגער "נועם אלימלך" זי"ע, - ר' אלימלך פון ליזענסק האט שטענדיג געלערנט אין דעם הייליקן ספר "קב הישר". הונדערט און צוויי מאל האט ער געלערנט דעם "קב הישר" - לויט דעם נאנזען און קאפיטלען פון ספר (אור אלימלך, אות ק"ה).

דער "שר שלום" פון בעלזא, ערשטער בעלזער רב זי"ע, האט עדות געזאגט אויף זיך, אז זיין יראת שמים האט ער געשעפט פון די הייליקע ווערטער פון דעם ספר "קב הישר" און אים געלערנט הונדערט און צוויי מאל לויט דעם נאמען און קאפיטלען פונעם ספר.

דער "פרי-מגדים" זי"ע, שרייבט: "קב הישר", א לעבנס-וויכטיק ספר, וואס היילט די נשמה און גוף. אלע זיינע ווערטער זענען דורכגעטראכט און מוסר. עס העלפט סיי דעם תלמיד חכם און סיי דעם דורכשניטלעכן איד און פרויען".

דער חיד"א, - דערמאנט דעם "קב הישר" זייער א סך מאל אין זיינע ספרים און ער האט זיך שטענדיק געפונען אויף זיין טיש. ער זאגט אויף אים: א ספר וואס איז מעורר צו יראת שמים.

דער קאזניצער מגיד האט באוואונדערט דעם ספר און זיך אויסגעדריקט אויפן "קב הישר": "אז מען לערנט א שטיקל זוהר וואס געפינט זיך אין "קב הישר", איז דאס מער מסוגל מעורר צו זיין דעם מענטשן צו יראת שמים, ווי ווען ער וואלט געווען געלערנט דאס זעלבע שטיקל אין זוהר אליין (מאיר עיני חכמים תנינא, אמור) .

דער "חתם-סופר" זי"ע, באטאנט אין זיין צוואה: "די טעכטער זאלן לערנען אין די ערלעכע ספרים אויף אידיש, וואס זענען באזירט אויף די אגדות חז"ל. זיין גרויסער תלמיד דער "לב העברי", זאגט, אז דאס איז טאקע געווען די כוונה פונעם "חתם-סופר".

דער טשערנאבילער מגיד זי"ע, און זיין אייניקל ר' יצחק מסקווירא האבן זייער משבח געווען דעם "קב הישר" און באפוילן צו לערנען אין אים.

דער ספר קב הישר איז צום ערשטן מאל געדרוקט געוואָרן אין שנת תס"ה, און איז זינט דאַן איבערגעדרוקט געוואָרן העכער זיבעציג מאָל! דער ספר איז געווען אָנגענומען אין אַלע תפוצות ישראל. ערליכע אידן פלעגן זיך פירן צו האַלטן דעם ספר "קב הישר" אין זייער טלית-בײטל, כדי זיי זאָלן קענען קוקן דערין שטענדיג. אין געוויסע ערטער פלעגן רבנים פאָרלערנען אַ שיעור אין דעם ספר "קב הישר" יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב.

מיט זיין הייליגע שפּראַך דערוואַרימט דער מחבר די אידישע הערצער, תוכו רצוף אהבה פאַר'ן באַשעפער און פאַר יעדן איד בכל מקום שהוא. ער ווייזט אָן אויף די חשיבות פון מקיים זיין יעדע מצוה באַזונדער, אַפילו די גאָר גרינגע מצוות וואָס מענטשן טרעטן אויף זיי, און אַלץ שרייבט ער מיט אַ פאַרשטענדליכע שפּראַך, אַז אַפילו אַ קינד זאָל קענען פאַרשטיין.

דער ספר "קב הישר" איז געדרוקט געוואָרן אין לשון הקודש נאָך בחייו פון דעם מחבר, און אין יאָר תס"ה איז עס געדרוקט געוואָר' אין דער שטאָט פראנקפורט. דערנאָך איז דאָס ספר איבערדרוקט געוואָרן מיט אַ נייע איבערזעצונג אין דער אידישער שפּראַך. דער דעמאָלדיגער אויסלייג פון אידיש איז אָבער גאַנץ אַנדערש ווי דער היינטיגער אויסלייג פון די אידישע שפּראַך אין די קרייזן פון חרדי'שע אידן, וואו מען רעדט אידיש טאָג טעגליך. אויך איז יענע איבערזעצונג פון ספר "קב הישר" געווען גרייזיג אין פאַרשידענע ערטער.

דעריבער האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ חשוב'ער וועד צו איבעראַרבייטן דעם אידישן פירוש פון דעם ספר "קב הישר", און עס אַרויסצוגעבן אין אַ פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע. דער אויסלייג פון די אידישע איבערזעצונג איז פאַרראָכטן געווערן ווי ווייט מעגליך, כדי עס זאָל זיין לייכט פאַר יעדן אַריינצוקוקן אין דעם ספר און עס צו לערנען אויף אַ קביעות'דיגן אופן.

אויך האָט מען מפענח געווען די הונדערטער ראשי תיבות וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין ערשטן דרוק פון דעם ספר אין אידיש, און צוגעלייגט נאָך צענדליגער מעלות, ווי קעפּלעך אויף די ענינים אין מיטן די פרקים, צעטיילט די פאַראַגראַפן, און נאָך הידורים פאַר די נייע מהדורא.

אויך זענען צוגעגעבן געוואָרן וויכטיגע הערות און הוספות ביינ סוף פון אַ סאַך פּרקים, ווי אויך סיפורי מעשיות און אַנדערע ידיעות, וואָס האָבן אַ שטאַרקן שייכות מיט די ענינים וועלכע ווערן באַהאַנדעלט אין דעם ספר. אויך דאָרט וואו דער מחבר האָט דערמאנט אַ סיפור בקיצור, האָבן די איצטיגע אַרויסגעבער פון דעם ספר אָפּגעדרוקט ביים סוף פון דעם פּרק דעם סיפור המעשה באריכות, כדי דאָס ספר זאָל זיין אַ דבר השלם און דער לייענער זאָל האָבן דעם פולסטן נוצן דערפון.

דער הייליגער ספר "קב הישר" איז באַזונדערס וויכטיג אין אונזער היינטיגן דור יתום, ווי די הייליגע צדיקים זי"ע פון די פריערדיגע דורות זענען שוין לאנגעס אַוועקגענומען געוואָרן לגנזי מרומים, און עס פעלן מוכיחים בשער מיט דברי מוסר והתעוררות. דאָס ספר "קב הישר" קען ממלא זיין דעם דאָזיגן חלל, ווייל ווען מען איז מעיין אין דעם ספר, זעט מען ווי דער מחבר רעדט צו יעדן איינעם אויך אין די איצטיגע דורות, גלייך ווי ער וואָלט געלעבט איצט און וואָלט פאַרשטאַנען אַלע נסיונות פון די היינטיגע צייטן.

עס איז ידוע וואָס דער מדרש זאָגט אויפ'ן פסוק "עת לעשות לה' הפרו תורתך", אַז ווען עס איז אַ דור פרוץ, מען האַלט נישט די תורה, מ'איז נישט מקיים אירע מצוות ווי געהעריג, עס איז לידער "הפרו תורתיך", דעמאָלטס איז אַן "עת לעשות לה'", מ'דאַרף טוען פאַר דעם אויבערשטן, צו שטאַרקן דעם קיום פון דער תורה הק'.

די נייע מהדורא פון דעם ספר "קב הישר" אין אידיש, איז באַשיינט מיט די הסכמות פון די גדולי ישראל שליט"א.

צווישן די הויכפּונקטן וואס מען באַגעגענט לערנענדיג דעם הייליגן ספר "קב הישר", זענען די תיקונים פאַר פאַרשידענע עבירות, עצות פאַר יעדן איד וויאַזוי זיך צו פירן, הדרכות פאַר נשים צדקניות, עצות

טובות פאַר שלום בית, און ער ווייזט אָן ווי מען פירט זיך אויף דעם וועג, איז מען פאַרזיכערט מיט שלום בית אויף אייביג. אויך זענע' דאָ אין דעם ספר פילע הדרכות פאַר חינוך הבנים, און הדרכות צו פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווי אַ חתונה, אַ ברית, בר מצוה און אַזוי ווייטער. דער מחבר איז במתק לשונו אויך מסביר די הנהגה פון די וועלט, פאַרוואָס איין מענטש איז אָרים און אַ צווייטער איז רייך; פאַרוואָס איינער איז געבענטשט געוואָרן מיט קינדער און אַן אַנדערער נישט, אפילו אַמאָל גרויסע צדיקים, האָבן נישט זוכה געווען דערצו - דאָס אַלץ ברענגט דער מחבר אַרויס מיט זיין הייליגע און רייכע שפּראַך, כדי יעדער איינער זאָל עס לייכט פאַרשטיין.

די איצטיגע אויסגאַבע פון ספר "קב הישר" איז איינגעטיילט לויט פרקים, לויט דעם סדר הפרשיות פון יאָר. דאָס איז געמאַכט כדי יעדער איינער זאָל קענען ענדיגן דאָס גאַנצע ספר דורכ'ן יאָר, דורך לע־נען יעדע וואָך אַ פּרק.

עס איז דעריבער צו האָפן, אַז אחינו בני ישראל בכל מקום שהם וועלן זיך נישט צוריקהאַלטן פון אַריינברענגען ברכה זו לתוך ביתם, ווייל אויסער דער עצם גרויסער אויפטו פון לערנען אין דעם הייליגן ספר "קב הישר" אַליין און מיט די קינדער, איז דאָך אַ געוואַלדיגע סגולה צו האַלטן דעם הייליגן ספר אין יעדע אידישע שטוב, און בזכות לימוד הספה"ק הזה וועט מען נתעורר ווערן צו דינען דעם באַשעפער כבימי קדם, און דאָס וועט אַוודאי גורם זיין קירוב הגאולה בב"א.

# די שענסטע מתנה פאַר יונג און אַלט

## עס איז יעצט ערשינען אין דרוק דער הייליגער ספר

# קב הישר

## השלם

## איבערגעזעצט אין די אידישע שפּראַך

## ברוב פאר והדר

דאס הייליגע ספר "קב הישר" איז נתחבר געוואָרן דורך

**הגה"ק רבי צבי הירש קאיידנאווער זצוק"ל**

רב פון פראנקפורט דמיין, מיט 400 יאָר צוריק

און איז במשך די יארן איבערגעדרוקט געווארן איבער זעכציג מאל. צווישן זיי אויך מיט אַ אידישע איבערזעצונג.

**די איצטיגע אויסגאַבע פון "קב הישר" אַנטהאַלט אין זיך צענדליגער מעלות און הידורים, צווישן זיי:**

1. דאָס ספר איז געדרוקט אין אַ הערליכן פאָרמאַט, אַז עס זאָל זיך לייענען לייכט דורך יונג און אַלט.

2. דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן לויט'ן היינטיגן אויסלייג פון אידיש, ווי עס ווערט גערעדט און געשריבן צווישן חרדי'שע אידן אין די היינטיגע צייט.

3. הונדערטער הערות און הוספות, ביים סוף פון אַ סאַך פרקים פון דעם ספר, פון די ספרים הקדושים וואָס האָבן אַ שייכות צו די ענינים וואָס דער מחבר רעדט אַרום אין דעם ספר.

4. הערליכע סיפורים און וויכטיגע הלכות וואָס האָבן אַ שייכות צו די עניני המוסר וואָס דער מחבר דערמאַנט אין ספה"ק קב הישר, און זענען צוגעדרוקט געווארן להשלמת הענינים.

5. ספּעציעלע הדרכות פאַר עלטערן און מלמדים ווי אַזוי מחנך צו זיין זייערע קינדער און תלמידים אויפ'ן ערליכן וועג.

6. אַ באַזונדער אָרט אין דעם ספר פאַרנעמט דער קונטרס וואו דער מחבר באַשרייבט די ענינים פון הנהגת הבית און שלום בית בין איש לאשתו, און ער גאַראַנטירט אַז דער וואָס וועט זיך פירן לויט זיינע אָנווייזונגען, וועט אייביג זיין געבענטשט מיט שלום בית.

7. דאָס ספר איז איינגעטיילט אין פרקים, לויט'ן סדר פון די פרשיות פון יאָר, כדי מ'זאָל קענען דורכלערנען יעדע וואָך פון יאָר אַן אַנדערן פרק, און דורכ'ן יאָר ענדיגן דעם גאַנצן ספר "קב הישר".

אין דעם ספר "קב הישר" ברענגט דער מחבר זי"ע אַ סאַך עצות און סגולות קעגן יעדע צרה ל"ע, ווי אויך הונדערטער רפואות און סגולות קעגן פאַרשידענע מחלות ל"ע, און מוסר'ט דעם מענטש ער זאָל געדענקען אין זיין טאָג טעגליכן לעבן נישט נאָכגעריסן צו ווערן מיט'ן שטראָם פון די וועלט, נאָר גיין בדרך התורה, און דאָס וועט אים ביישטיין קעגן אַלע עקתין ומרעין בישין ל"ע, און וועט אים דערלייכטן זיין וועג. ער וועט ניצול ווערן פון גיהנום, און וועט זוכה זיין צו אַ חלק לעולם הבא.

דער ספר "קב הישר" האָט במשך הונדערטער יאָרן מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערליכן אידישן וועג.

אין די פריערדיגע דורות פלעגן אלע ערליכע מלמדים און ראשי ישיבות פאַרלערנען דעם הייליגן ספר קב הישר פאַר זייערע תלמידים.

דער הייליגער **רבי אלימלך מליזענסק** און דער **שר שלום פון בעלז** זי"ע האָבן עדות געזאָגט אויף זיך, אַז זייער יראת שמים האבן זיי געשעפט פון די הייליגע ווערטער פון דער ספר קב הישר און האבן אים געלערנט הונדערט און צוויי מאל לויט דעם נאמען און קאפיטלן פונעם ספר.

דאָס ספר "קב הישר" איז במשך די דורות געטראָגן געוואָרן פון ערליכע אידן אין זייער טלית-בייטל, בדי זיי זאָלן קענען לערנען דערין פאַר און נאָכ'ן דאַווענען.

דער ספר איז ספעציעל אויסגעשטעלט געווארן פאר מלמדים און טיטשע"ם צו קענען פארלערנען אין חדר און אין בתי ספר לבנות.

# טעמו וראו כי טוב

## ברענגט אריין אַ ברכה אין שטוב

זייט אויך א מזכה את הרבים, און קויפט דעם ספר "קב הישר" פאַר זיך און אייער משפחה, ווי אויך פאַר אייערע בית המדרש, אדער פאר דעם מלמד פאַרצוטיילן פאַר די קינדער.

אייער טאַטע און מאַמע וועלן אייך דאַנקבאַר זיין אויפן עולם האמת, ווייל ווען זייערע קינדער און קינדס-קינדער ווערן ערליך דורך דעם ספר, איז דאָס אַ זכות גדול פאַר אייער טאַטן בעולם העליון, און דער גרעסטער עילוי נשמה פאַר אייערע עלטערן איז, ווען איר קויפט אַ סעט קב הישר פאַר אייערע קינדער, אַז זיי זאָלן באַשטיימען שיעורים אין דעם הייליגן ספר.

**קויפט פאר אייערע פארהייראטע קינדער די ספרים "קב הישר", וועט עס אויך באקרוינען אייערע עלטערן אויפ'ן עולם העליון.**

אויך אויב איר קויפט דעם סעט קב הישר פאַר חתן־כלה זענט איר גאַראַנטירט מיט שלום בית.

**אויב איר ווילט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, גוטע זיווגים, שלום בית? אויב איר ווילט האָבן פרנסה בריווח? - קויפט דעם הייליגן ספר ״קב הישר״, וואָס עס איז אַ סגולה צו האַלטן אין שטוב.**

**צדיקים קדושים און אין אַלע דורות האָבן צוגעזאָגט אַז דער וואָס וועט האָבן דעם ספר ״קב הישר״ אין זיין הויז, וועט אים קיינמאָל נישט פעלן קיין געזונט און פרנסה.**

דעם ניי איבערגעדרוקטן ספר ״קב הישר״ קען מען באַקומען אין אַלע ספרים געשעפטן, ווי אויך האָלסעיל ביי: טעלעפאָן:

(718) 0576-437

אין ארץ ישראל: 02-2-5-827142

חברת

**״הוצאת שבט מוסר״**

❖❖❖

דאס הייליגע ספר **״קב הישר״** איז געדרוקט געווארן עטלעכע מאל, ביים לעבן פון מחבר, הגאון הצדיק הקדוש **רבי צבי הירש** ב״ר **אהרן שמואל קאידנובר** זי״ע, פון **פראנקפורט**, און דערנאך איז עס איבערגעדרוקט געווארן נאענט צו זעכציק מאל אין פארשידענע זמנים אין א סך לענדער.

# רשימת הדפוסים של ספה״ק ״קב הישר״

# מאמרי מוסר בק״ב פרקים

## משנת תס״ה עד שנת תרנ״ח:

בלשון הקודש, באידיש ובלאטיין.

1. פראנקפורט אמיין תס״ה (רי״ב דפים).
2. אמ״ד תפ״ב (קס״ח דפים).
3. קושטא תצ״ב (צ״ח דפים).
4. ווניציאה תק״ג (צ״ח דפים).
5. ווניציאה תקל״ב (קי״ב דפים).
6. לבוב תקנ״א (קל״ו דפים).
7. זולקוא תקס״ה (קל״ו דפים).
8. סדילקוב תקפ״ה (קל״ו דפים).
9. חמו״ד (קל״ו דפים).
10. ליוורנו תר״ג (קל״ו דפים).
11. לבוב תרי״א (ס״ז דפים).
12. לבוב תרי״ח (ס״ז דפים).
13. לבוב תרכ״ג (ק״כ דפים).
14. וילנה תרכ״ד (ק״כ דפים).
15. לבוב תרל״א (ק״כ דפים).
16. ורשה ותרל״ט (ק״כ דפים).
17. לובלין תרנ״ח (ק״כ דפים).
18. פראנקפורט אמיין תס״ט (ק״כ דפים).

19. פראנקפורט אמיין ת״ע (צ׳ דפים).
20. יסניץ תפ״ה (צ׳ דפים).
21. זולקוא תקט״ו (צ׳ דפים).
22. חמ״ד תקל״ג (ק״ח דפים).
23. פראנקפורט אמיין תקמ״ו (ק״ח דפים).
24. פראנקפורט אמיין תקנ״ט (ק״ח דפים).
25. זולצבך תקנ״ה (ק״ח דפים).
26. זולצבך תקנ״ט (קכ״ד דפים).
27. זולצבך תקס״ה (קכ״ד דפים). עם תרגום יידיש אשכנז ע״י ה״ר משה ב״ר נתן נטע.
28. סדילקוב תקפ״א (קכ״ד דפים).
29. זיטומיר תר״ך (קכ״ד דפים).
30. לבוב תרכ״ג (קכ״ד דפים).
31. וילנה תרכ״ה (קכ״ד דפים).
32. ורשה תרכ״ו (קכ״ד דפים).
33. לובלין תרל״ו.
34. לובלין תרנ״ח.

## ובתרגום אידיש בלבד:

1. זולצבך תפ״ד (צ״ח דפים).
2. פיורדא תצ״ח (פ״ח דפים).
3. פיורדא תק״ג (פ״ח דפים).
4. חמו״ד.
5. חמ״ד תקל״ג.
6. חמ״ד תקנ״ג.
7. לאשצוב תקע״ז.

**ובתרגום לאדינו** (ע״י ה״ר ניסים הכהן):

1. קושטא תקפ״ג.
2. קושטא תקפ״ח.
3. קושטא תרכ״ג.

בס"ד

דער ספר **קב הישר** איז געטיילט לויט פרקים, לויטן סדר הפרשיות פון יאָר, כדי צו קענען ענדיגן דעם ספר יעדעס יאָר, דורך לערנען יעדע וואך צוויי פרקים.

❖❖❖

ערליכע אידן פלעגן האלטן דעם ספר "**קב הישר**" אין זייער טלית-בייטל, און אזוי קען מען לייכט משלים זיין באלד נאכן דאווענען יעדן טאג לויט'ן סדר פון יענע פרשה.

❖❖❖

# לוח לפי סדר הפרשיות של כל השנה

## סדר בראשית

1. בראשית פרק א-ב
2. נח פרק ג-ד
3. לך-לך פרק ה-ו
4. וירא פרק ז-ח
5. חיי-שרה פרק ט-י
6. תולדות פרק יא-יב
7. ויצא פרק יג-יד
8. וישלח פרק טו-טז
9. וישב פרק יז-יח
10. מקץ פרק יט-כ
11. ויגש פרק כא-כב
12. ויחי פרק כג-כד

## סדר שמות

13. שמות פרק כה-כו
14. וארא פרק כז-כח
15. בא פרק כט-ל
16. בשלח פרק לא-לב
17. יתרו פרק לג-לד
18. משפטים פרק לה-לו
19. תרומה פרק לז-לח
20. תצוה פרק לט-מ
21. כי-תשא פרק מא-מב
22. ויקהל פרק מג-מד
23. פקודי פרק מה-מו

## סדר ויקרא

24. ויקרא פרק מז-מח
25. צו פרק מט-נ
26. שמיני פרק נא-נב
27. תזריע פרק נג-נד
28. מצורע פרק נה-נו
29. אחרי פרק נז-נח
30. קדושים פרק נט-ס
31. אמור פרק סא-סב
32. בהר פרק סג-סד
33. בחקותי פרק סה-סו

## סדר במדבר

34. במדבר פרק סז-סח
35. נשא פרק סט-ע
36. בהעלותך פרק עא-עב
37. שלח פרק עג-עד
38. קרח פרק עה-עו
39. חוקת פרק עז-עח
40. בלק פרק עט-פ
41. פנחס פרק פא-פב
42. מטות פרק פג
43. מסעי פרק פד

## סדר דברים

44. דברים פרק פה-פו
45. ואתחנן פרק פז-פח
46. עקב פרק פט-צ
47. ראה פרק צא-צב
48. שופטים פרק צג-צד
49. תצא פרק צה-צו
50. תבא פרק צז-צח
51. נצבים פרק צט
52. וילך פרק ק
53. האזינו פרק קא
54. ברכה פרק קב